STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06487

NEGINE

Avrom Gontar

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org



אווראָם
גאָנטאר

נעגינע

לידער און פּאָעמעס

מאָסקווע
פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל"
1977

С(Евр)2
Г 65

אין אָט דעם נײַעם בוך פונעם באוווסטן סאָוועטישן ייִדישן פאָעט אווראָם גאָנטאר זײַנען אײַנגעשלאָסן לידער און פאָעמעס, וועלכע ער האָט געשאפן פאר די יאָרן, זינט עס איז דערשינען זײַן לידער־זאמלונג „טויבן אפן דאך“.

„נעגינע“ — דאָס דאָזיקע זינגעוודיקע און באטײַטיקע וואָרט גיט אמבעסטן איבער גופע די אטמאָספער און דעם גײַסט פון גאָנטארס לירישן געזאנג, דעם פאָעטישן געמיט פונעם דיכטער, וואָס פארמאָגט די גליקלעכע גאָב צו הערן און שפירן נעגינע ניט נאָר אין קלאנג, נאָר אויך אין פארב, אין ליכט, אין אלץ, וואָס וואקסט און לעבט. ס'איז א בוך לידער פון אונדזערן א מיטצײַטלער, א מענטש, וואָס האָט דורכגעמאכט א גרויסן און קאָמפליצירטן לעבנסוועג און זינגט אויס אין הארציקע פערזן זײַן גוטפרײַנטשאפט צו וועלט און מענטש, זײַנע געפילן און ראיוינעס וועגן מענטשלעכן און בירגערלעכן כויוו, וועגן היימלאנד, וועגן ליבע און גליק, ערד און נאטור.

טיפע אופריכטיקײַט, אָריגינעלע בילדערישקײַט, רײַפע מײַסטערשאפט — אָט וואָס עס איז קוידעמקאָל כאראקטעריסטיש פאר אווראָם גאָנטארס בוך נײַע לידער.

© *Издательство «Советский писатель», 1977 г.*

Г $\frac{70403-064}{083(02)-77}$ 307—77

געגאַרטע געסט

א

ס׳האָט עפּעס אין דער הייך פּאַסירט,
געשען איז עפּעס אין דער נידער —
צוגאַסט עס זײַנען אומגעריכט
צו מיר געקומען לידער.

זיי קומען קיינמאָל דאָך ניט סתּם —
נאָר ווען די זעל איז אָפן,
און זײַנען אונטערטעניק דאָן,
ווען עפּעס האָט געטראָפן

צי ווען די יובלדיקע פרייד
מאַכט ברייטער דעם שוואַרצאַפּל,
צי ווען דער וויי צום שלונג דערגייט
און יעדער אָדער צאַפּלט.

די טיר פאַר די געגאַרטע געסט
איז אופגעריגלט שטענדיק.
די שוועל מײַן הויכע ניט פאַרגעסט —
מײַן ליד כ׳האָב ניט פאַרענדיקט...

ב

דו מיינסט, איך ווייס,
ווען ס'הייבט זיך אָן די לידז
זי קומט דאָך אומדערוואַרט
און מאָנט מעסוקן.
איך כאַפּ זיך אויף באַנאַכט,
מיר דאַכט — ס'איז אירע טריט.
ווי פּאָר א מאַלקע
בין איך גרייט זיך בוקן.

זי ברענגט מיט זיך
די סודעס פונעם וואַלד,
דערציילט, פאַרוואָס
דער ווינט איז ברוגעז,
און די געהיימניס,
וואָס דער יאַם באַהאַלט.
זי ווייסט, די שטיפערקע,
אַז פּאָר א דיכטער טויג עס.

דו מיינסט, איך ווייס,
ווען ס'ענדיקט זיך די לידז
איך גלייב —
זי וועט מיך ניט פאַרשעמען.
ווען ס'ציִען זיך צונויף

די אויסגעוויַיסטע ברעמען
און ס׳שליסן זיך די ווײַעס מיד,
איך ציטער אוף
און איַיל די פעדער נעמען —
ניין, ניין,
ס׳איז ניט פארענדיקט נאָך מיַין ליד.

ג

פון קיינעם, פון קיינעם,
פון זיך נאָר פון איינעם,
פון מײַנע מעקוימעס,
מיט מײַנע כעסרוינעס.
דאָס לאָשן דאָס אײדעלע,
צארטע און גראָבע —
עס גייט פונעם זיידן,
עס קומט פון דער באָבע.
פון אייגענע ערטער —
די טרער, דאָס געלעכטער.
דער טרויער פון ניגן —
פון קינדערשן וויגל.
די זיטן, די מידעס,
כאראָטעס און ווידעס,
די פארבן די בונטע,
די העלע, באזונטע,
די בלויע, די גרויע,
די טונקעלע, שווארצע —
פון אייגענעם הארצן,
פון אייגענעם הארצן,
פון קיינעם, פון קיינעם,
פון זיך נאָר פון איינעם,
געלײַטערט, געשליפן
דורך דוירעס דורך טיפע.

א. זאַנגען אַף
אַ שטיין

דער רוסישער ווינטער

דורך ווײַטע
געשלענגלט־צעכראסטעטע וועגן
דער רוסישער ווינטער
עס לויפט מיר אנטקעגן.

מיט באָרוועס־פארפרוירענע פיס
אין די שנייען
די ווײַסע בערעזעס
אנטקעגן מיר גייען.

עס גייען אנטקעגן
די טונקעלע יעלן.
מיט רויטע, פארפרוירענע
שנירלעך קארעלן

עס לויפט מיר אנטקעגן
די רוסישע, דינע,
די פּראָסטע און ליבע
קאלינא־מאלינא.

די קעפּ און די אקסל
מיט שניי פארפּאָראָשעט,
זיי בייגן זיך טיף,
ווי די פויערטעס פּאָשעט.

און פּניאָקעס און קוסטעס,
ווי פּוכיקע בערן,
זיי קוקן צום שליאַך
און פאַרכידעשטע הערן,

ווי ס׳סקריפּען אין שניי
מײַנע וואָליקעס־פּוישטן,
וואָס האָבן די שטילקײַט
צעבויטעט אין דרויסן.

פון פראָסט־טוי און שטילקײַט
ער גייט א געשפּינטער,
דער זאַפּטיקער, לויטערער
רוסישער ווינטער.

* * *

דער היימישער ווארעמער אָטעם
באַגלייט אונדז געטרײַ, ווי דער שאָטן,
אין נאָגנדיק־בלויע פארנאכטן —
מיט דעם, וואָס געווען, און געגארטן.
אין פלאָנטער־געפלעכט פון כאלוימעס
גיי טרעף, ווו די וואָר, ווו דער טרוים איז?

אין דרעמל, אין אָנהייב באַגינען
נעמט ווידער און ווידער זיך שפּינען
דער גאָלדענער פאָדעם דער דינער,
וואָס לעבט בלויז אין הארץ און אין זינען.

אוי, מאמעניו טײַערע, ליבע,
אריבער איז אלץ שוין, אריבער.
אוי, פאָטערל זיסער, געטרײַער,
פארבליבן דער אש פונעם פײַער.

די בענקעניש וועקט דעם זיכּאָרן,
וואָס בלאָנקעט דורך שפּורן און יאָרן,
און פלאָנטערט צונויף די כאלוימעס,
און ווייסט ניט, ווו וואָר און ווו טרוים איז.

אזוינס פארגיט מען ניט

איך וואָלט דיר מוחל זײַן נאָך פיל —
ווער גייט עס דורך א לעבן ניט געשטרויכלט?
כ׳וואָלט עפשער מוסער זאָגן דיר,
נאָר אין דער שטיל
געשעפטשעט:
מוחל, מוחל, מוחל.

נאָר דאָס פארגעבן וואָלט געווען א זינד —
ווער ס׳האָט זײַן היים געקענט פאראטן,
פאראטן וואָלט געקענט זײַן אייגן קינד,
און שוין פאריינס — די מאמע מיטן טאטן.

אויב זײַן א שטיין

אויב זײַן א שטיין איז שוין באשערט,
איז ניט אזא, וואָס ליגט אין דר׳ערד,
און ניט אזא, וואָס נעכט און טעג
ער שטייט דיר אין דײַן גלײַכן וועג.

אויב ס׳דארף דער שטיין א שטיין שוין זײַן,
איז זאָל אן אָדלער זיצן
און זשמורען זיך פון צופיל שײַן
אף זײַנע הויכע שפיצן.

אויב ס׳איז באשערט צו זײַן א שטיין,
פארבלײַבן זאָל ער ניט אליין,
נאָר זײַן פארמויערט אין א טורעם,
וואָס בײַשטיין קאָן דעם גרעסטן שטורעם.

דאָס בילד פון מײַן כאַווער

דײַן בילד עס קוקט אראָפּ פון שווארצן רעמל,
די אויגן לויכטן שעמעוודיק און מילד.
די פאטלע דײַנע ניט געגומען האָט קיין קעמל,
סטארטשען זיי, די קרויזן, היימיש־ווילד.

דײַן גוטער שמייכל צערטלט אלע, אלע,
און אפן זון דו קוקסט איצט, ווי אף זיך אליין
(אנומלטן געזאָגט האָט אים זײַן קאַלע:
— ווי שיין ביסט אף דעם בילד, ווי שיין!).

און טיף אין שופלאָד, מיטן קדושן־רינגעלע צוזאמען,
א זײַטעלע פּאפּיר איז שטרענג פארשפּארט.
פּונקט ווי א הייליקײַט, עס היט די מאמע
פיר ווערטער:
„געפאלן העלדיש אין דער שלאכט״...

* * *

קוק אַרײַן מיר טיפֿער אין די אויגן,
און אויב עס איז דײַן ריִע שאַרף,
װעסטו דערזען דאָרט אַלץ, װאָס אײַנגעזויגן
עס האָט מײַן בליק,
פֿאַרװאָס ער איז פֿאַרגאַפֿט:

די שװערד, װאָס האָט זיך אַף אַ קינד פֿאַרהויבן,
די הוילע ברוסט, װאָס האָט דאָס קינד פֿאַרשטעלט.
עס װעלן שטענדיק שפּיגלען זיך אין מײַנע אויגן —
דעם מערדערס פֿינצטערקײַט, די שײַן פֿון העלד.

איין שטראַלעכל

איך וועל ניט קומען מער צעשטערן דיר די פרייד,
ניט לאָזן פאַלן פון מײַן ווײ קיין טראָפּן
אַף יענע וועגן, ווו עס שטייט
דײַן מאַזלדיקער שטערן דיר צוקאָפּן.

און כאָטש אין שאָטן וועל איך שטענדיק זײַן,
פון קיינעם גאָר קיין וואָרעם וואָרט ניט הערן,
כ'וועל גליקלעך זײַן, וואָס אין דײַן שטערן־שײַן
איין שטראַלעכל אויך מיר עס טוט געהערן.

דער כּיוון

פֿאַר מיר די זון,
פֿאַר מיר די נאַכט,
פֿאַר מיר איז אַלץ —
די שקיעה, וועלכע קומט דעם טאָג פֿאַרשליסן,
אַפֿילו אויך די ביטערקייט פֿון זאַלץ —
איך זאָל דעם טעם פֿון זיסקייט וויסן.

דער רייץ פֿון בליק,
דאָס שוועבן פֿון דער טויב,
די בלוי אין הייך,
פֿון שאָטן די געוועבן —
זיי צערטלען און זיי זינגען מיר א לויב,
און איך,
איך דאַרף פֿאַר אָט דעם כּיוון
זיך גרייטן מאַקריוו זײַן דאָס לעבן.

* * *

אָט דער, וואָס געגאַן איז דורך פײַער און בלײַ,
געגאַן און געפאַלן, געשפּאַנט אַפּדאָסנײַ;

מיט דערנער פאַרשטאָכן די הענט און די פיס,
דער טאַם פון פאַלין האָט געדאַכט זיך אים זיס;

פאַרביסן ביז ווייטעק די ליפּ מיט די ציין,
געצוווּנגען זיך אופשטיין, באַפוילן זיך גיין, —

ער ווייסט עס, ווי שווער ס'איז צו מאַכן א שפּאַן,
ווען קיינער עס איז מיט דעם וועג ניט געגאַן.

ווי שווער ס'איז צו מאַכן דער ערשטער א שפּאַן,
סע ווייסט אויך דער קלוגער, דער פרידלעכער מאַן,

וואָס כאָלעמט א לעבן, וואָס צערטלט א טרוים
א ביסעלע ווײַטער א שפּאַן טאָן אין רוים.

א שפּאַן, ווי א שטראַל, ווי אַן אייביקע בריק,
וואָס פירט צו דער הייך און וואָס לאָזט ניט צוריק.

מאטראָסאָוו איז געקומען
מיר צו כאָלעם

מיר האָט געכאָלעמט זיך מאטראָסאָוו
הײַנט באנאכט.
מיט כײנגריבלעך
אף בײדע באקן.
ער איז געלאָפן צװישן קאָרן
און געלאכט,
און ס׳האָט זײַן כאװער
ניט געקאָנט אים פאקן.

איך בין געבליבן שטײן
אינמיטן פעלד
און מיטן בליק
אים שיר ניט אופגעגעסן:
— װי קומט עס, ברודערקע,
אזױנס זאָל טאָן א העלד?!
און ער האָט ראשיק
לעבן מיר זיך אָפגעשטעלט,
און הײס געזאָגט:
— אז כ׳בין א ייִנגל נאָך,
האָסטו, מיסטאָם, פארגעסן...

ווען ס׳וויינט א מאמע

ווען ס׳וויינט א מאמע,
ווערן קינדער אלט
און אלע,
אלע זײַנען שולדיק.
סײַ דער, וואָס אין דער האנט די שווערד עס האלט,
סײַ דער,
וואָס קוקט עס צו גערולדיק.

ווען ס׳וויינט א מאמע,
וועלקט דאָס ברויט אין פעלד
און שטערן
אינעם הימל טונקלער ווערן.
ווען ס׳וויינט א מאמע,
וויינט די גאנצע וועלט
און דורכגעווייקט עס ווערט
די ערד פון טרערן.

* * *

דעם טאָג פון וויי,
דעם טאָג פון פריידן —
כ'האָב אויסגעפרוווט
פון לאנג שויןביידן
(פארבליבן בלויז
איז א דערמאָנונג),
נאָך וועלכן בענקען —
כ'האָב קיין אנונג.

א טאָג פארגאַן
צי שלעכט, צי בעסער,
און דער זיקאָרן
דער פארגעסער,
ער קאָן אצינד
ניט אונטערשיידן
דעם טאָג פון וויי,
דעם טאָג פון פריידן.

ווו זאָל איך זוכן איצט
דעם סימען,
אוועלכן טאָג
באדארף מען רימען,
צו וועלכן קומען

מיט א טײַנע
פאַר אַלע קנײטשעלעך
פאַר מײַנע?
צו דעם, וואָס איז
מיט בלוט פאַרשוומען,
צו דעם, וואָס איז
אין גליק געקומען,
צי עפּשער גאָר
צו זײ, צו בײדן,
וואָס כ'קאָן שוין איצט
ניט אונטערשײדן?

ווען וויוגעס הוליען

אין פלאם פון קעלט,
אין קלאנג פון וויוגעס
איז בייז די וועלט,
איז בייז און קלוג איז.

אין וואָלקן־ברעג
זיך שלײַפט דער מוילעד.
אין א געשלעג
האָט ער געקוילעט

א שאָף, א רינד
אף שטיק צעשונדן.
דאָס בלוט עס רינט
פון קאלטע ווונדן.

די וויוגע לאכט,
די שטערן שטעכן.
און מיר עס דאכט,
די ווענט זיך ברעכן.

ניטאָ פון קעלט
וווהין זיך טוליען.
ס׳איז בייז די וועלט,
ווען וויוגעס הוליען.

א טויעלע סאם

דו זאָגסט, אז דיך שרעקט ניט דער טאָג, ניט די נאכט —
אמאָל האָט מיר אויכעט אזוי זיך געדאכט.
אפילע די שאָ, וואָס געזאלבט איז פון פרייד,
געדראָ׳ט מיט געפאר האָט פארטײַעטערהייט.

באם וויגל פון קינד, וואָס האָט זאפטיק געלאכט,
ווו שאָענווײַז האָב איך אין טײַנעג פארבראכט,
האָט ערגעץ אין ווינקל דער שאָטן געוואַרט —
באטאָג און באנאכט.

איך ווייס שוין פון לאנג וועגן טויעלע סאם,
וואָס שארפער עס מאכט פון דער גדולע דעם טאם
און וועקט פונעם דרעמל די זעל, וואָס איז לער,
וואָס שרעקט און וואָס צערטלט געלאסן און שווער.

און דאָך האָב איך אומרויִק הײַנט זיך פארטראכט —
ס׳וואָלט בלענדיק געווען סײַ דער טאָג, סײַ די נאכט,
ווען ניט אָט דאָס ברעקעלע טויעלע סאם,
וואָס שטענדיק איז ערגעץ פארבאָרגן פאראן.

מײַן װילן

װי גרױס עס זאָל ניט זײַן דער יאם —
פֿארצאמט אים פֿאָרט דער ברעג,
װי שטארק עס זאָל ניט זײַן דער טאָן —
באזיגט אים פֿאָרט די זעג.

װי שװאך מײַן װילן זאָל ניט זײַן,
װי קלײן מײַן טרױם —
ער לײגט זיך אין קײן ברעג ניט אײַן
און װײסט ניט פֿון קײן צױם.

קאווקאז

פארשטיין דײַן שײנקײַט
בלויז מיטן געדאנק —
איך וואָלט ניט קענען.
און כאָטש דער בליק
דײַן העכסטן שפּיץ דערלאנגט,
איז דאָך דער סייכל ניט אימשטאנד
דײַן גלאנץ, דײַן פּראכט באנעמען.

כ׳האָב מיטן הארצן
שטענדיק דיך געפילט
ביז ווײ ביז טיפן.
אין בלוט פון אָדערן
דו האָסט געשפּילט
און עס געשליפן.

אָט בין איך ווידער אין די בערג —
אין דײַנע אָרעמס.
די ברײשעסדיקע שטילקײַט נאָר דערהערט —
האָב איך פון גליק
זיך אזש צעיאָמערט.

נאָר אָט האָט ערגעץ שוין
א שאָרף געטאָן א ווינט
און עפּעס אײַנגערוימט
דעם דעמב אין אויער,

דער דעמב האָט שטיפעריש
א ווונק געגעבן פלינק
און מיך באדויערט.
ווי איינער רעדט:
„דו אלטער נאר,
דאָ פאסטן ניט קיין טרערן...״
נאָר ברויגעז בין איך ניט דערפאר —
איך קאָן אײַך שווערן.

די גווורע פאסט
דעם הויכן פעלדז,
וואָס מיטן הימל
פירט א ליבע;
ער האָט אין יאם זיך אָפּגעשטעלט —
דער שטאלטנער גיבער.

און א פארליבטער אין זײַן שווונג,
איך שטיי דאָ א דערשטוינטער.
כ׳וועל אייביק בלײַבן פלאמיק־יונג,
פון שיינקײַט א באלוינטער.

איך שעם זיך גאָר צו מעלדן —
כ׳בין דײַן האר,
אז כ׳קאָן דײַן קראפט צעמאָלן.
א מענטשלעך פּאָנעם
אייביק כ׳האָב דערפאר,
ווײַל כ׳קאָן פאר גליק מיט ליבע צאָלן.

עס שרײַען די וואָראָנעס

באַנאַכט האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט אין שויב,
די וועלט איז נאָך געשלאָפן.
יאָ־יאָ, איך הער,
איך בין ניט טויב —
וואָס האָט פּאַסירט,
וואָס האָט געטראָפן?
דאָס אײַז האָט זיך אין טײַך גערירט,
דו הערסט דען ניט, ווי ס'שרײַען די וואָראָנעס —
א סאַקאָנעס...

ער גייט, ער גייט
פון הויכע בערג,
ער שפּאַנט דעם טײַך אַריבער,
עס קלינגט, עס טרייסלט זיך די ערד,
איז טרעט אים אָפּ דעריבער.
דו הערסט דען ניט, ווי ס'שרײַען די וואָראָנעס —
א סאַקאָנעס.

איך שטיי, איך טו זיך ניט קיין ריר,
איך פיל מיט יעדער אָדער,
אַז עפּעס האָט זיך טיף אין מיר
צעוויגט, צעשרויפּט, צערודערט.
איך ווייס, איך שפּיר, עס איז ניט סטאַם
דאָס פרילינגדיקע ברומען,

ס׳איז עפשער, ווי אין יעדן שטאָם,
א קרײַז מיר צוגעקומען.
דו הערסט דאָך, ווי עס שרײַען די וואָראָנעס —
א סאַקאָנעס.

כ׳האָב אליין געזען

אין די כמארעס האָט דער מוילעד
ערשט א לעמעלע געקוילעט.
כ׳האָב אליין געזען,
דאָס קלינגל
האָט אין הייך געטאָן א פינקל
און דערנאָך זיך אײַנגעטונקען
אין די כוואליעס אין די טונקלע,
אז ניט בלײַבן זאָל קיין סימען,
וואָס עס טוט זיך אין די הימלען.

. . . .

נאָר ער ווייסט דאָך גוט, דער גאנעוו,
אז כ׳האָב אלץ געזען פון גאנעק,
ווינקט ער מיר אראָפּ פון אויבן:
— האָסט געזען,
נאָר ווער וועט גלויבן?

אויב מעקאנע זײַן

מע קאָן מעקאנע זײַן —
דעם ווינט דעם אומגעצוימטן,
וואָס האָט קיין היים,
קיין וואָרצלען און קיין נעסט,
וואָס אומעטום איז ער אין געסט —
אין רוישנדיקן וואלד,
אין יאם צעשוימטן.

מע קאָן מעקאנע זײַן —
דעם פויגל אין זײַן פלי,
דער כמארע
אין די הימל־טיפן,
די פלאַטערלעך, וואָס זאָרגלאָז שטיפן,
צי גאָר דער מורעשקע
פאר אײַנגעשפארטער מי.

מעקאנע זײַן
איך וואָלט מיסטאם געקענט
דעם שארפן זין,
די קלוגע הענט,
וואָס דיכטן אויס,
באשאפן דאָס געגארטע, —
מעקאנע קאָן מען זײַן די אײַנגעשפארטע.

נאָר אויב מעקאַנע זײַן,
איז זײַט מעקאַנע מיר!
א צוגעשמידטער שטיי איך בא דער טיר
און וואַרט אַף דעם געצאַק
פון דינע קנאַפּל,
איך וועל דערהערן זיי —
און מער קיין זאַך ניט דאַרפן.

מעקויעם וועלן ווערן אַלע טרוימען,
פּונקט ווי דעם ווינט,
וועט קיינער מיך ניט צוימען,
פּונקט ווי דער פויגל,
אין די הייכן וועל איך פליִען
און ווי די מורעשקע,
זיך מיִען, מיִען.
און ווי דער כאָכעם,
כ׳וועל צו אַלץ דערגרייכן —
נאָר פרי׳ר באַדאַרף איך אים —
דײַן גוטן שמייכל.

פון אָסיען דער רייעך

א פריילעכער גיי איך,
באגאָסן מיט זון,
פון אָסיען דער רייעך
מיך רינגלט ארום.

די צווײַגן מיט עפל
זיך בייגן צום פלויט,
נאָר ס'שמעקט שוין מיט נעפל
דער הימל, וואָס בלויט.

מיט גרינוואַרג און פרוכטן
די טעג זײַנען זאַט,
דער קירבעס אין גאָרטן
איז בײַכיק און גלאַט.

מיט בראָנז זײַנען בלעטער
געדיכט שוין געפארבט,
דער הארבסט דער פארעטער
האָט פײַן זיי פארנארט! —

צוגעזאָגט האָט ער
זיי גאָלדענע בערג,
איצט לאכט ער, איצט שפּאַט ער
און שלײַדערט אף דר'ערד.

א בענקשאפט א שטילע
עס נעמט מיך ארום,
און כ׳ווייס ניט אפילע,
צי שײַנט גאָר די זון.

מיט גאָלד מיט פארדארטן
דער וועג איז באדעקט,
און כ׳פלײַס זיך דערטראכטן,
מיט וואָס ס׳האָט פארשמעקט, —

מיט נעפל,
מיט קירבעס,
מיט עפל באם פלויט,
מיט זקיינים אף פריזבעס,
מיט שפינוועבס,
מיט טויט.

איך ווייס דאָס בעסער

דורך שטילע סטעזשקעלעך
צו פרעמדע טירן
האָט די לעוואָנע מיך
געוואָלט פארפירן.

איך האָב געשמייכלט:
— דו נאריש פאָנעם,
ביסט אויווער־באָטל
שוין לאנג, אפּאָנעם.

עס האלט ניט וואזשנע
מיט דײַן זיקאָרן,
דו האָסט פארגעסן
אין מײַנע יאָרן...

נאָר די לעוואָנע
האָט אירס אין זינען:
— דו ביסט אַן אקשן,
נאָר לאָז זיך דינען.

איך ווייס דאָך בעסער,
וואָס יאָרן הייסן.
און דײַן פארלאנג
מירביידע ווייסן...

בּאַנאַכט

ס׳איז אָפן דאָס אויג און ס׳איז וואַך,
איך הער מיטן לײַב יעדן ציטער,
די טויב, וועלכע שלאָפט אפן דאַך,
די יאָדלע, וואָס שטייט ווי א היטער.

אין אייניקלס צימער איז שטיל,
אים כאָלעמט געוויס זיך א מעַיסע:
א שיף אף די כוואַליעס פון ניל —
א ווײַסע, א ווײַסע.

און דאָרט, אין דער ווײַטקייַט פון קיך,
פון קראַנט טוט א טראָפן א צאַפּל,
דאַן וואַרף איך אראָפּ אפדערגיך
די שיך מיט די הילכיקע קנאַפּל,

און שטיל, ווי אַן אויסשפּיר־סאָלדאַט,
איך לאָז זיך אהין אין די זאָקן.
פּונקט ווי א קנאַל פון האַרמאַט,
דער טראָפן די נאַכט האָט דערשראָקן.

קיין אפריקע

קיין אפריקע,
קיין אפריקע,
קיין אפריקע איך פאָר!
א פּאָפּוגײַ כ׳וועל קויפן, וואָס לעבט דרײַ הונדערט יאָר.

כ׳וועל מיט דעם פויגל זיך ערשט דאָן צעשיידן,
ווען כ׳וועל אים אויסלערנען אף ייִדיש ריידן.

און דעמלט מעג ער פליִען זיך וווהין ער וויל —
אין הייסער קאָנגאָ, צו דעם געלן ניל.

און זאָל ער לעבן גאַנצע דרײַ יאָרהונדערט...
וואָס האָסטו זיך, מײַן אייניקל, פאַרוווּנדערט?

איך זע דאָס אין די אויגן דײַנע קלוגע —
דו טראַכסט געוויס: דער זיידע איז מעשוגע...

באַהאַלט איך ניט, דעם בליק, אין וויִע־שאָטן,
אף ייִדיש זאָגט מען איידעלער: „אַן אויוועברבאָטל".

נאָר דו, דו ווייסט ניט פון אַזעלכע ווערטער,
און כ׳האָב קיין טײַנעס ניט, מײַן אייניק מײַן געדערכטער.

ווען ס׳וועט דער לעצטער טאָג מײַן ליכטעלע פאַרלעשן,
ווען דײַנע קינדער וועלן אין מײַן נאָמען שוין פאַרגעסן,

וועט ערגעץ אומפּלוָען דער פּאָפּוגײַ, וואָס רעדט אַף יודיש,
און זײַן וועט עס אַ רעטעניש, אַ כידעש.

אַ שפּראַך־פאָרשער אַן אַלטער וועט דעם פויגל פאַנגען,
מײַן לאָשן אויסלערנען לויט אָט די קלאַנגען.

קיין אַפריקע,
קיין אַפריקע,
קיין אַפריקע איך פאָר!
אַ פּאָפּוגײַ כ׳דאַרף קויפן, אַ פּאָפּוגײַ און גאָר.

ס׳איז ניט דערפאַר

איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אַלץ —
אויך פאַר דער טרער, וואָס שטיקט דײַן האַלדז.
עס פאַלט אַף מיר די שולד פאַר דעם,
וואָס ס׳האָט מיט ווייטעק זיך דײַן ברעם
אַ הייב געטאָן,
געטאָן אַ פּלי
און גלײַך אין זעלבן אויגנבליק
געפאַלן מאַכטלאָז אַף צוריק.

איך בין פאַראַנטוואָרטלעך —
נאָר שפּעט.
וואָס קאָן שוין העלפן מײַן געבעט?
דו וועסט פאַרגעבן מיר,
איך ווייס,
און, מעגלעך, אופריכטיק און הייס
געפינען פאַר מײַן זינד אַ טרייסט.

און זאָגן צאַרט:
„נו, שאַ, נו, שטיל...
ס׳איז ניט קיין שולד,
ס׳איז נאָר אַ שפּיל.
דו אַלטער נאַר,
דו אַלטער שעד,

ס׳איז אויך מײַן שולד,
ס׳איז אויך מײַן כעט...״

איך בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם,
וואָס וועט ערשט זײַן,
וואָס איז געווען.
און ס׳איז געווען!
אוי, איז געווען!
אַזוינס פאַרגעסן טאָר מען דען?!
דאָס גאָלד פון דײַנע שוואַרצע האָר
האָסט אויסגעטוישט אַף זילבער גאָר.

און ווער איז שולדיק?
כ׳ווייס, איך ווייס.
נאָר דו געפינען וועסט א טרייסט
און טײַנען אופריכטיק און הייס:
„נו, שאַ, נו, שטיל,
ס׳איז ניט דערפאַר...
דו אַלטער שעד,
דו אַלטער נאַר...״

טײַנעס צו די שטערן

אָנגערוקט דאָס היטל,
אין א פעלץ א שווערן,
קאָן מען גײן זיך אויסטײַנען
מיט די קאלטע שטערן.

מײנסט, איך בין א שויטע,
גלייב מיר בענעמאָנעס —
שטערן זײַנען שטערן,
ניט קײן שום נעשאָמעס.

ניט פון די פארפאלענע
אָן דאטעס און אָן קוואָרים,
ניט פון די געפאלענע
אינעם פלאם פון שטורעם.

גײ איך מיר פאוואָלינקע
און וואָלט מעגן שווערן,
אז אין הויכן הימל
הערן מיך די שטערן.

כ׳בין געווען דער ייִנגסטער,
איצטער שוין דער עלטסטער...
אָנגערוקט דאָס היטל
און א שוער־געפעלצטער,

גיי איך און איך טראַכט מיר:
אַף דער ערד דער ווײַסער
קאָן דער דינער פּאָדעם
פּלוצעם זיך צערײַסן...

כ׳בין דאָך ניט אַף אייביק,
כ׳וועל דאָך אויך פאַרגייען,
ווי די קאַלטע, ווײַסע
פינקלענדיקע שנייען.

ווער זשע וועט געדענקען
כאָטש אַ ליבן נאָמען,
ווער וועט אַף אַ סימכע
מײַנע פרײַנט דערמאָנען.

בעסער זײַן אַ שויטע,
ווי מײַן מאַמע קלערן,
אַז אין הייך זיי לויכטן
צווישן ווײַטע שטערן.

דאָס גאָלדענע פישל

אין ברויזיקע כוואליעס,
וואָס בויטען זיך, מישן,
שווער איז צו כאפּן
דאָס גאָלדענע פישל.

דאָס פלינקע, געגארטע,
וואָס שטיפט און וואָס בלענדט.
אָט דאכט זיך —
דו האלטסט עס שוין פעסט אין די הענט,

נאָר ס'טוט זיך א דריי,
און עס טוט זיך א שלייך,
און ווידער פארשווינדט עס
אין טיף פונעם טייך.

א בענקשאפט באפאלט
און עס קלעמט א פארדראָס,
כאָטש ווייסט ניט,
דאָס פישעלע דארפסטו צו וואָס.

די גאס פול מיט מענטשן,
מיט בלויקייט און זון,
און אלע זיי וואָלטן
געלאכט פונדערפון,

ווען כ׳וואָלט זיי דערציילן,
וואָס ס׳קלעמט מײַן געמיט.
דערפאר כ׳האָב מײַן טרוים
אינעם הארצן פארהיט.

דאָך פאנגען דאָס גאָלדעלע
וועל איך מיסטאם
אין גרויסן, אין ברויזיקן
מענטשלעכן יאם.

אָן סאַקאָנעס

אמאָל האָב איך געמיינט,
ס׳איז אלצדינג פּראָסט:
דער בארג — אין הייך,
דער טאָל — אין נידער.
די לערע האָט א לעבן מיך געקאָסט —
כאָטש הייב אָן ווידער.

אמאָל האָב איך געמיינט,
ס׳איז אלץ געווענדט אין מיר —
אין ווילן, אין אקשאָנעס.
עס לאָזט זיך אָבער אויס,
כ׳פארליר אלץ און פארליר —
נאָר אָן סאַקאָנעס!

אמאָל האָב איך געמיינט...
און כ׳מיין אַצינדער אויך.
נאָר אַף מײַן טאָעס
כ׳האָב ניט קיין פאריבל.
אזוי וועל איך זיך טויע זײַן
שוין ביזן לעצטן הויך —
ווײַזט אויס, א טאָעס
קאָן מען אויכעט ליבן.

די אומבאגרײַפלעכע נעשאָמע

אין טונקלער שטרענגקײַט פון דער נאכט,
אינצווייען מיטן שטומען שאָטן,
ווען אלץ ארום איז אומדערוואַרט
און קיין שום זאך איז ניט פארבאָטן,
ווען ס'קוקט ניט קיינער
נאָך דײַן טראָט,
כוץ דער פארנעפּלטער לעוואָנע,
ווען ס'איז דער ריכטער
און דער גאָט
די אומבאגרײַפלעכע נעשאָמע, —
דאן ווערט דער אומרו באלעבאָס
און ס'ציִען זיך צונויף די ברעמען,
און עפּעס קלעמט דיך א פארדראָס,
אז ניט צערײַסן וועסט די קלעמען.

און פרעג פארוואָס,
און פרעג פארוועןǃ
וואָס האָט פּאסירט,
וואָס האָט געטראָפןǃ
עס איז דאָך גאָרנישט ניט געשען,
עס איז דאָך גאָרנישט ניט פארלאָפןǃ..
דאָס הארבע וואָרט,
וואָס, ניט באטראכט,

דײַן בעסטן פרײַנט האָסט הײַנט געוואָרפן,
פונקט ווי דער שאָטן,
אײַנגעשפּארט
עס גײט דיר נאָך
און לאָזט ניט שלאָפן.

* * *

דער שלענגלדיקער שטעג איז קלוג —
ער רופט צו זיך און נארט.
נאָר ס'איַילט און איַילט דער שנעלער צוג
און טראָגט זיך איַינגעשפּארט.

אין שאָטן־טיף דער שטעג פאַרהאַלט
זיַין שלענגלדיקן גאַנג.
אַנטלויף,
אַנטלויף אַהין אין וואַלד —
עס ווינט דאָרט דיַין געזאַנג.

די וועלט פון שטילקיַיט דאָרטן שאַלט
אין שאָטן איַינגעהילט,
דער דינסטער קלאַנג זיך דאָרט באַהאַלט,
פאַרטיַיעט, איַינגעשטילט.

דעם זיסן טרויער אַף א בוים,
די טרייסט באַנאַנד מיט אים
געפינען וועסטו,
אָבער קוים
עס הערט זיך זייער שטים.

א שפּרונג טאָן כ׳וואָלט געדאַרפט
פון צוג —
אין טיף פון וואלד אוועק,
ווען איך וואָלט זײַן אזוי־אָ קלוג,
ווי אָט דער פלינקער שטעג.

געמיט

כ׳בין מיד, כ׳בין שרעקלעך מיד,
און שולדיק איז דער וועטער.
געדארפט וואָלט איך די ליד
ניט שרײַבן איצט, נאָר שפּעטער,

ווען אופהערן עס וועט
צו זיפּן זיך דער רעגן.
עס איז שוין אָבער שפּעט —
די ליד וועט מיך ניט פרעגן.

זי שטעלט זיך שוין צונויף
אין שורעס און אין סטראָפן,
דעם מויעך, ווי א שרויף,
זי דרייט און לאָזט ניט שלאָפן.

צעפּאטלט בא דעם פּלויט
די ליפּע שטייט געבויגן.
ווי אין א גרויסער נויט,
עס רינט איר פון די אויגן.

עס וויקלען זיך, ווי שלענג,
די וואָלקנס, שליימיק־גרויע.
אין שטוב, אין גאס ווערט ענג,
פארהילט ווערט אלץ אין טרויער.

און דאָרט הינטער דער וואַנט
עס הוסט די אַלטע שכיינע.
עס קאַפּעט פונעם קראַנט,
מיר דוכט — סע פאַלן שטיינער.

ווי מיד איך בין — אַ שרעק!
קיין זאַך איז שוין ניט טײַער.
צו אַלדי־אַלדי שלעק!
און גייט עס מיטן פײַער!

פאַרמאַטערט כ׳טו אַ פאַל
אַף דער צעקנייטשטער קישן.
אָט־אָט וועט זיך די גאַל
אין בלוט בײַ מיר צעגיסן.

און טיף אין שלאָף איך זינק...
נאָר פּלוצעם אין אַ ווינקל
אַ זון־העזל האָט פֿלינק
געטאָן אַ בלענד, אַ פינקל.

איך עפן שנעל די טיר
און מאַך אַ שפּאַן, אַ צווייטן —
אַ פערלדיק געפריר
באַשפּרענקלט האָט די קווייטן.

די ליפּע בײַ דעם פּלויט
איז יינגער גאָר געוואָרן —
די בלעטער געלבלעך־רויט,
נײַמאָדיש אָפּגעשאָרן.

די שכיינע קלײַבט צונויף
די לעצטע פּאָמידאָרן.
און קינדער אינעם הויף
אַף שליטעלעך שוין פאָרן.

עס איז מיט זון פֿאַרגלאָזט
די קאַליוזשע באַם פּאַרקן,
און ס׳שמעקט די לופֿט מיט פֿראָסט,
מיט אַ געטראַנק אַ שטאַרקן.

אַן אײַז־ליכטל פֿון דאַך
מיר קאַפּעט אױפֿן שטערן.
כ׳פֿאַרײַס דעם קאָפּ און לאַך,
אַז קײנער זאָל ניט הערן.

די קינדער פֿאָרן קיין סיביר

די ייִדעס בלײַבן אין דער הויפּטשטאָט,
די קינדער —
פֿאָרן קיין סיביר.
דער ווײַסער צאָפֿן
און די טונדרע
צעפּראַלן ברייט פֿאַר זיי די טיר.

און אויב ס׳איז דאָרט ניטאָ קיין טירן,
נאָר שניי
און הוליענדיקער ווינט,
וועט ברענגען זיי א שטוב
דער ווערטאָליאָט צו פֿירן
און אָפּפֿירן קיין מאָסקווע
אַן ערשט געבוירן קינד.

און ס׳וועט די באָבע ערגעץ בולבעס שיילן —
אויף דער טאַגאַנקע
ציִ ארבאַט —
און וועט דעם אייניקל
דערבײַ דערציילן:
— עס האָט די מאַמע אין דער טונדרע דיך געהאַט.
און ווען דו וועסט, מײַן קינד,
א גרויסער ווערן,

וועסט אויכעט אין א שיינעם טאָג אוועק
אהין, ווו ס׳וואַקסן
נײַע ווײַסע בערן,
צי עפשער גאָר אהין,
ווו ס׳מינען זיך די שטערן,
אויסטרעטן אן אויסגעטרוימטן וועג.

ב. זון - שפּליטערס

דער הימל זאָל ניט פאַלן
צו דער ערד

אַז ווו אַן אויסיעלע,
אַז ווו אַ וואָרט,
באַדאַרף עס שטייען
אויף זײַן עמעס אָרט.

פונקט ווי אַן איידלשטיין
געפּאַסט אין רינג,
ס'זאָל שפּילן שפּילעוודיק,
ס'זאָל קלינגען גרינג.

פונקט ווי אַ וואָלקנדל,
וואָס פּאַסט צום בלוי.
פונקט ווי די שוואַנגערשאַפט,
וואָס פּאַסט דער פרוי.

ווען ס'שטייט דאָס אויסיעלע
ניט אויפן אָרט,
ווען אויפן אָרט
איז ניט דאָס וואָרט,

דאַן קאָן דער הימל
פאַלן צו דער ערד.
אַזוי, אַז פאַלשעוועוען
איז שטרענג פאַרווערט.

פרעסקעס

באם ראנד פון הימל די בערעזקעס
געבויגן שטייען, ווי די פרעסקעס,
כאָטש נעם און ברענג זיי אין מוזיי
אָף שפּיגלען זיך אין זיי.

און אינעם פעלד
עס פירט א וועג אין קאָרן,
ער איז באווינטיקט און באהעלט.
אָט דאָרט איז לעוויטאַן געוואָר געוואָרן:
ניט טרויריק בלויז —
אויך שיין איז זי, די וועלט.

דער וואָלקן אין זײַן לײַכטן שוועבן,
דער שאָטן, וואָס עס שפּרייט דער בוים, —
זיי העפטן אויס פאר מיר, זיי וועבן
די וואָר, דעם כאָלעם און דעם טרוים.

איך מיין,
איר וועט מיסטאָם מיר גלויבן
(ס'האָט קיינמאָל ניט געלײַגט מײַן ליד) —
כ'פּאַרשטיי דאָס לאָשן פון די טויבן,
אין לאָשן פונעם וואלד בין איך געניט.

און אויב ס׳איז מיר א שורעלע געלונגען
און אויב עס האָט א קלונג געטאָן דאָס וואָרט,
האָט עס דער ווינט דאָך אויסגעזונגען
און מיר שוין אויסטראכטן פֿאַרשפּאַרט.

די אויגן פון דער נאַכט

די אויגן פון דער נאַכט —
די שטערן —
ווער קאָן פאַרבאָטן זיי,
ווער קאָן פאַרווערן
די סוידעס פונעם דימיען,
וואָס שפּאַרן אָן אַזש אין די הימלען,
צו זען און צו הערן.

כ׳פאַרטרוי זיי אַלץ,
כ׳פאַרטרוי זיי גערן,
זיי וועלן קיינמאָל ניט פאַראַטן —
כ׳קאָן זיך שווערן,
די שטילקייט ניט צעבויטען,
ניט צעשטערן —
זיי מעגן זען אַלץ
און אַלצדינג הערן.

נאָר אויב דערציילן —
וועלן זיי נאָר יענער,
וואָס איז פון אַלע טרוימען שענער,
וואָס איז דער אויסנאַם צווישן פרויען —
נאָר יענער וועלן זיי דעם סאָד פאַרטרויען.

* * *

כ׳וועל אופשטיין פארטאָג
מיטן פרײַען באגין,
ווען ס׳וועלן די שטערן זיך לעשן,
מיט באָרוועסע פיס
אינעם נאסן פאָלין
אוועק צו דײַן געסל.

דורך שפּאלטן פון לאָדן,
דורך טונקעלער שויב
כ׳וועל קוקן אף דיר
און וועל גלויבן:
דער שטראַל פון דײַן בליק
וועט פארבלענדן מײַן אויג,
ווען עפענען וועסטו די אויגן.

* * *

א קאָל איז דערגאַנגען פון טיף,
פון דער נאַכט,
און אומרו געבראַכט,
און טרויער געבראַכט
אַזוי אומדערוואַרט.

און אָן אַ פאַרוואָס,
און אָן אַ פאַרוועג
באַם האַרצן האָט פּלוצעם געגעבן אַ קלעם.

א קאָל איז דערגאַנגען פון טיף,
פון דער נאַכט —
און כ'האָב שוין קיין אויג ניט פאַרמאַכט.

ווער רופט אַזוי צאַרט מיך
און העלפן ווער בעט?
ס'איז נאַכט, און ס'איז פינצטער,
און שפּעט איז,
צו שפּעט.

אַמאָל, שוין פון לאַנג,
כ'האָב געוואַרט אין די נעכט,
געוואַרט אף אַ רוף,
נאָר צו שפּעט אים דערהערט.

* * *

אָט נאָך איין קאפעלע —
אוּן אויס, און שוין,
און ס׳וועט די בלויקײַט גרוי און פינצטער ווערן.
דער טאָפּאָל אָנבייגן עס וועט די קרוין,
און פון דער הייך עס וועט אראָפּפאלן א שטערן.

און עמעצער, פארליבט אין זיך
און אין דער ערד,
וועט קוקן אף דעם בלענדנדיקן צייכן
און שעפּטשען שטיל:
„ניט מײַנער איז דאָס... מיר געהערט
אָט יענער, וואָס באשײַנט די הייכן״.

* * *

עס יוירט דער זאפט אין מײַנע גלידער
און זוכט אן אויסגאנג פון געביין,
א דאָרשטיקער איך רוף דיך ווידער,
דער רוף דער גלוטיקער איז זויבער־ריין.

נאָר איינע דו וואָלסט קאָנען שטילן
דעם דורשט פון לײַב און פון געמיט,
פונקט ווי א טרונק פון לאָגל קילן
אין מידבער־זאמד, וואָס איז צעגליט.

איז עפשער פאָרט וועסטו דערשפירן
די צארטע קרענק — מײַן ליבע־ווײ,
און ס'וועט דיך צו מײַן שוועל דערפירן
פון שטומער בענקשאפט דער געשריי.

איך ווארט אף דיר, ווי אף א וואונדער,
ווי אף א קישעף, מיט געדולד.
כאָטש יעדער רעגעלע באזונדער
איז ווי א שטראָף אָן קיין שום שולד.

* * *

ווען אף מײַן טראָט וואָלט קײנער ניט געוואַרט,
מיט אומגעדולד ניט קוקן אין די שויבן,
איך וואָלט אין ליבע און אין גוטסקײַט, ווי מיר דאַכט,
אָף אײביק אָנווערן דעם גלויבן.

אַ שטײנדעלע אַ קלײנס אין וועג
וואָלט שווער געווען מיר אופצוהײבן.
נאָר בײַקומען כ׳וועל יעטווידער געשלעג,
ביז כ׳וועל אין ליבע און אין גוטסקײַט גלײבן.

אזוי האָט דערציילט מיר דײַן בילד

פונקט ווי א וואָלפּיכע, די וויוגע וואָיעט,
צי עפּשער וואָיען טאקע וועלף.
אן איינציק שטערנדל אין הימל קאָיעט,
און ס׳דוכט, עס בעט זיך עמעץ — העלף!

אין שטיבל ווארעם איז, ווי אין אן אויער,
דאָס בלעך פון אייוועלע איז רויט־צעגליט.
א וואָלפיכע אין טײַגע וואָיעט,
א שטערנדל אין הימל קאָיעט,
און פון דער פינצטערניש א ווײַסקײַט שיט.

מיר דוכט זיך אויסעט, אז איך וועך פארשאָטן,
דער שלאָף די אויגן מיר פארמאכט.
עס גאנוועט זיך פון טיף א שאָטן
און ווערט פארלוירן אין דער נאכט.

נאָר כ׳האָב קיין מוירע ניט פאר קיינעם,
ס׳איז שרעקעוודיק, נאָר גוט אזוי!
ווײַל דאָרט אין שטיבעלע אין קליינעם
עס הייצט דאָס אייוועלע א יונגע פרוי.

* * *

ווּ קומט אהין דער אָסיען,
דער ווינטער ווּ פארשווינדט?
גערעגנט האָט, געגאָסן,
געהוליעט האָט דער ווינט...

נאָר ווּ איז ער, דער סימען
פון אויסגעברענטן בלאט?
דער אָסיען מעג זיך רימען —
ער האָט קיין זאך פארשאט.

דער ווינטער, לאָזט זיך אויסעט,
געוואָרעמט האָט די ערד,
דעם זוים, וואָס האָט געגויסעט,
די בלייונג אומגעקערט.

און דיר, מײַן פרײַנט מײַן ליבער,
וואָס האָט געבראכט דער פראָסט?
ס'איז אלץ פארגאַן, פאָריבער,
נאָר גאַרניט אזוי פראָסט.

* * *

כאלוימעס, כאלוימעס, כאלוימעס,
איז וואָס, אז איר קומט ניט צו שטאנד?
מײַן קלײנינקער צימער געררוים איז,
ווען איר זײַט באנאנד.

איך ווייס, אז איר זאָגט ניט דעם עמעס,
איר נארט אָבער קײנמאָל ניט אָפּ,
געננוג איז פאר אײַך נאָר א רעמעז,
איר זאָלט מיר פארדולן דעם קאָפּ.

און דעמלט צעפראלט איר די טירן,
די פענצטער צעעפנט איר ברייט.
און גרייט זײַט איר דעמלט מיך פירן,
און גייען מיט אײַך בין איך גרייט.

אהין, ווו געגארט האָב איך שטענדיק
און קײנמאָל ביז סאָף ניט דערגאַן.
אהין, ווו ס׳איז אומזיניק־בלענדיק
מײַן כאָלעם פארגאַן.

* * *

דער לעצטער בליק מײַנער זאָל פֿאלן
אין הייך, אין הימל־טיף, אין בלוי.
אף פלאטערדיקן גלי פון שטראלן,
אף ציטערדיקער שײַן פון טוי.

וועט גרינגער זײַן מיר צו פארלאָזן
די ווייכקײַט פון דער הארטער ערד,
דאָס שעמעוודיקע זײַד פון גראָזן,
וואָס מײַנע ליבע־טפילעס האָט געהערט.

נאָר זאָגן וועל איך ניט קיין ווידע
פאר אָט די מענטשלעכע און פראָסטע זינד.
כ׳וועל רויִק צומאכן די אויגן מידע,
וואָס זײַנען אָפט געווען
פון ליבע בלינד.

* * *

כ׳זאָל מאכן כאָטשבי נאָך איין שפּאַן,
כ׳וואָלט שוין געווען אַן אַנדערער,
אַזאַ, וואָס ערגעץ איז פאַראַן,
כאָטש קליגער, שענער קאָן גאָר זײַן,
נאָר דאָך ניט דער — אַן אַנדערער.

וואָלסט דעמלט גאָר מיך ניט דערקענט
און ניט געוואָלט מיך קענען,
און אַנדערש וואָלטן אָט די הענט
פון דײַנע גיטער נעמען.

דאָס אויג וואָלט ניט אַזוי געזען,
דאָס לײַב וואָלט אַנדערש פלאַמען,
ס׳וואָלט אַנדערש, אַנדערש אַלץ געווען,
באַזונדער און צוזאַמען.

כ׳וואָלט זיך פאַרשאָלטן דאָס געביין,
געשטאָרבן כ׳וואָלט פון בושה.
זאָל זײַן —
איך בין ניט קלוג, ניט שיין,
זאָל זײַן אַזוי — נישקאָשע.

איך מישפּעט ניט

דו מישפּעטסט מיך,
דו מיינסט, ביסט דער גערעכטער,
פון שטרויכלונגען באוואָרנט און באשיצט?
און מיך עס שטיקט א ביטערער געלעכטער —
איך ווייס, דער זעלבער שעד אין דיר עס זיצט.

און קומען וועט די שאָ,
וועסט גאָר ניט וויסן,
די בענקשאפט וועט דיך פירן בלינד.
פון טײַנעג וועלן זיך די אויגן שליסן,
און מיט א קינדערש־לויטערן געוויסן
וועסט, מעגלעך, אויך באגיין די זעלבע זינד.

ווי יעדערער איך בין,
מיט שטרויכלונגען מיט מענגעס,
א שטארקער און א שוואכער,
א גוטער און א שלאנג.
איך פיל אמאָל אליין —
די הויט די דינע ענג איז,
און ס׳טוט מיר ווי דײַן ווייטעק,
דײַן ליבע טוט מיר באנק.

איך מישפּעט ניט,
איך וויל נאָר אלץ באַנעמען.
דערפאַר איך קוק אין אויג צו זיך אליין,
איך זוך די זינד בא זיך און ניט בא יענעם,
און דעמלט איז מיר גרינגער דיך פאַרשטיין.

דער פּאָדעם

...און אויב איך וועל ניט קומען צו דער צײַט,
האָט עפּעס וואָס געמוזט מיט מיר פּאַסירן —
אַ סטעזשקעלע, וואָס לויפט אין וואַלד פאַרשײַט,
האָט מיך געקענט אין טיפעניש פאַרפירן.

אין בלויקײַט פון דער הייך כ׳האָב זיך פאַרקוקט,
וואָס בויט פון זון און כמאַרעס שלעסער,
אַ גרויער וואָלף אַ לעמעלע פאַרצוקט...
כ׳האָב זיך פאַרקוקט —
און האָב אין אַלץ פאַרגעסן.

איז זײַ ניט ברוגעז, שטראָף מיך ניט דערפאַר,
צו דיר וועל איך דעם פּאָדעם ניט פאַרלירן.
מאַלע וואָס ס׳פּאַסירט, ס׳איז אָן געפאַר!
די וועגן פּלאָנטערן, נאָר צו דײַן הארץ זיי פירן.

* * *

מיט אלע קנייטשעלעך ארום די ליפּן
און מיטן אָפּגעשוואכטן גאנג
דו ביסט בא מיר ביז איצט פארבליבן
א קוועלעכל פון מײַן געזאנג.

אין שקיִע פון דײַן בליק דײַן שוואכן
דער טאָג שאריִעט פּונקט ווי פריִ׳ר.
איך בעט דיך, זאָלסט פון מיר ניט לאכן —
כ׳וואָלט איצט זיך אויך פארליבט אין דיר.

* * *

גענוג וואָלט זײַן פאַר מיר דײַן שמייכל
אַף אײַנשטילן דאָס בייזע בלוט.
דו האָסט עס מיט דײַן קלאָרן סייכל
פאַרשטאַנען גוט.

גענוג וואָלט זײַן, מײַן האַנט זאָלסט נעמען,
דײַן צאַרטקײַט וואָלט מיך גלײַך פאַרבלענדט.
אין דײַנע פליִענדיקע ברעמען
איז דאָס געווענדט.

דו וואָלסט קיין וואָרט ניט דאַרפן זאָגן,
אין בליק כ׳וואָלט אַלץ אַליין דערקענט.
אין מיטן נאַכט זאָל נעמען טאָגן —
אין דיר געווענדט.

* * *

גע‏קומען ביסטו אומדערוואַרט,
פון שלאָף מיך אופגעוועקט,
און אין דער ווינטערדיקער נאַכט
מיט פרילינג האָט פאַרשמעקט.

מײַן לײַב האָט אָפּגעבריט א ווינט,
פאַרשיקערט מיך, פאַרשטיינט.
און ווײַל כ׳בין ניט באַגאַן קיין זינד,
האָב איך זיך הייס צעוויינט.

* * *

געוויס וועל איך צוריק זיך קערן
צו דעם, וואָס כ׳בין געוווינט פון לאַנג,
מיט אומגעדולד כ׳וועל דעמלט הערן
דײַן יעדער וואָרט, ווי א געזאַנג.

נאָר איצט וועל איך אוועק פונדאַנען
אהין, וווּ ס׳ציט זיך ווײַס דער שניי,
איך האָב אליין נאָך ניט פארשטאַנען,
וווהין און צוליב וואָס איך גיי.

מיר דוכט זיך אלץ — כ׳וועל דאָרט געפינען,
וואָס די נעשאָמע זוכט און זוכט.
אזוינס, וואָס פלאָנטערט זיך אין זינען,
אזוינס, וואָס אלעמאָל זיך דוכט.

נאָר כ׳וועל זיך אומקערן, ווי שטענדיק,
ווי א פארזינדיקטער פארשעמט.
און מיינען —
שוין! מיט אלץ פארענדיקט,
ס׳האָט אלץ אין מיר שוין אויסגעברענט...

און דו, וואָס קענסט די ווילדע זיטן,
וואָס קאָיען אומרויִק אין מיר,
ועסט פאר א שארפן וואָרט זיך היטן,
ועסט פּאָשעט עפענען די טיר,

און מיט א ווייכן, מילדן שמייכל
א זאָג טאָן:
— זע, דער שניי נאָך שיט...
עס וועט דיר קלעקן גוטער סייכל
א פרעג צו געבן:
— ביסט ניט מיד?

און איך וועל שווײַגן א פארקלעמטער,
ווי כ׳וואָלט געוועזן טויב און בלינד,
פונקט ווי א וואנדערער, א פרעמדער,
ווי א פארזינדיקט, נאריש קינד.

און ס׳וועט קיין מוט בא מיר ניט קלעקן
דײַן קאָפּ מיט קושן צו באדעקן,
די שלייפן אויסקושן די סיווע,
די הייסע אויגן דײַנע ליבע.

* * *

די אויגן דארפסטו ניט באהאלטן,
קיין טײַנעס האָב איך ניט צו דיר.
עס וועט דיך סײַווי ניט פארהאלטן
מײַן צוגעמאכטע טיר.

און ווער איז שולדיק און ניט שולדיק,
איז מעסטן איצט שוין ניט קעדײַ.
איך בין געוועזן אומגעדולדיק,
דו ביסט געוועזן אומגעדולדיק,
איז אלץ אדורך, איז אלץ פארבײַ.

נאָר מײַנס געבליבן איז דער ציטער,
פון לײַב דער גלי,
פון בלוט דער ווײ,
און דער זיקאָרן דער געניטער
אף אייביק וועט פארהיטן זיי.

און ווי איך זאָל ניט זײַן דערצאָרנט,
כ׳בין פול מיט דיר ביז צו דעם האלדז.
האָסט אף א לעבן מיך באוואָרנט
מיט ברויז, מיט דורשט —
מיט אלץ, מיט אלץ.

א פולע מאָס

יאָ, יאָ, אוואדע, ביסט גערעכט,
איך האָב פון אלץ די פולע מאָס באקומען —
די זיסטע זאפטן פון דער ערד,
פון פלאטערדיקער בין דאָס זשומען...

נאָר אויב דו זאָלסט ניט קומען צו מײַן טיש,
וואָלט גאליק־ביטער ווערן מיר דער ביסן,
און ניט דעם האָניק, נאָר דעם ביס
וואָלט איך געניסן.

צוויי בערעזעס

בערעזעס צוויי
אין ווײַסע זאָקן
זיך אײַלן
אין דער טיף פון וואלד.
עס פאטלט זיי דער ווינט
די לאָקן,
אנטלויפן זיי
פון אים דערשראָקן
און הייבן אוף
אין וועג א גוואלד.

באַם טונקלען סטאוו,
וואָס ווינקט באשיידן
צו אלץ, וואָס טוט זיך
אף דער וועלט,
ווי ס'וואָלטןביידע
זיך דערליידן
מיט וואסער־שפיגל
זיך ניט שיידן,
פארגאפט
מע האָט זיך אָפגעשטעלט.

געבליבן שטיין
געפלעפט, געטראָפן,

פארליבט
אין אייגענעם געשטאלט.
כ׳וואָלט אויך אהין
צו זיי אנטלאָפן
אין אייביק יונגן
אלטן וואלד.

דער טויער פון יונגקײַט

װען ס׳װאָלט געװען אזא מין קאַנט,
װוּ קײנער װערט ניט עלטער,
װוּ ס׳לויכט דער הימל נאָכאַנאַנד
א יונגער, א צעהעלטער,

איך װאָלט געװיס — צי פרי, צי שפּעט —
צו אָט דעם װוּנדער טרעפן
און װאָלט דעם שומער אײַנגערעדט:
— דעם טויער עפן!..

ניין, ניט פאר מיר.
איך האָב געבראכט
מײַן ליבע —
זי איז בלענדיק,
זי לאָז ארײַן, און דאַן פארמאַך
דעם טויער צ׳ריק אף שטענדיק.

און אומרויִק מײַן בליק געװענדט
אין װײַט איך האָב מיט טרויער.
און פּלוצעם האָט ער זיך צעבלענדט,
דער הייס־געגארטער טויער.

אָט איז ער, זעסט אים?
קום, נו, קום!
ס׳וועט קיינער אונדז ניט שטערן.
אין הארץ בא מיר, פּונקט ווי די זון,
וועסט קיינמאָל אלט ניט ווערן.

וואַרט צו א קאַפּעלע

דער טאָג פאַרגייט, ער לעשט זיך אויס,
נאָר אין די הימלדיקע פאַרבן
עס שפּיגלט זיך די וועלט —
מיט אַלע אירע קאָרבן.

פון טאָל און באַרג די גרענעץ ווערט פאַרמעקט,
דער אָפּגרונט האָט מיט דראָונג זיך פאַרטײַעט.
ווי צו א תּפֿילע,
די הענט כ׳האָב אויסגעשטרעקט —
וואַרט צו א קאַפּעלע,
עס האָט דער טאָג מיר ניט געסטײַעט!

אייביק

די נאַכט האָט אײַנגעדעקט דעם יאַם,
איך הער נאָר בלויז זײַן אָטעם.
אַזוי איז אויך געווען מיסטאַם
בײַ אורעלט־ווײַטע שוואָטים.

נאָר יענער מענטש אין הירשן־פעל
האָט ניט געוווּסט, כ׳מעג שווערן,
אַז אָט די ערד איז פלאַמיק־העל —
אַ שטערן צווישן שטערן.

און ניט געוווּסט ער האָט דערפון,
אַז אין די כוואַליע־טיפן,
אַז אונטער לויכטנדיקער זון
עס שוועבן ווײַסע שיפן.

אַז אין דער שוואַרצער ערד גייט אויף
די פרוכט פון דריבנע זאָמען,
און ניט געוווּסט, ווי אים מע רופט —
צי האָט ער גאָר אַ נאָמען.

נאָר דעמלט, אינעם טהאָם פון נאַכט —
כאָטש אַנדערש און פאַרשיידן —
ער האָט, ווי איך, געוויינט, געלאַכט
אין פריידן און אין ליידן.

* * *

עפשער גאָר מעקאנע זײַן דעם בוים,
וואָס זאָרגט ניט פאר די בלעטער.
אין פרילינג פּוצט ער אויס די קרוין
אף זי פארלירן שפּעטער.

ווען ס׳שפּילט דער הארבסט זיך גרויזאם־ווילד
און לאָזט די צווײַגן הוילע,
עס הוליעט בייז ארום דער ווינט
און שרײַט, מיר דוכט זיך, — קוילע!

איך שטיי אין וואלד און קוק פארגאפט,
ווי ס׳פאלט דער שניי א גרינגער,
ער וועבט אף צווײַגן דינעם האפט,
און ס׳ווערט דער בוים נאָך יינגער.

* * *

ס׳איז יאָמטעוודיק מײַן אינדערוואָכן —
מעג זײַן א רעגן צי א ווינט.
אָט האָט דער פראָסט מײַן הויט פארשטאָכן,
און איך האָב ערלעך דאָס פארדינט.

ווײַל כ׳מיין נאָך אלץ, אז דאָרט אין געסל
א באָרוועסע מײַן יוגנט שפּילט.
איך פלעג דעם פראָסט, די קעלט פארגעסן,
ווען כ׳האָב דײַן אָטעם נאָר דערפילט.

דער קאָפּ אף מײַנע הארטע קניִעס
גערוט האָט צוטרוילעך אזוי,
די טרער אף שפּיצן פון די וויִעס
געבליצט האָט ווי א טראָפּן טוי.

איז יאָמטעוודיק מײַן אינדערוואָכן —
פון דעמלט אָן און ביז אצינד.
דער פראָסט האָט ווידער מיך פארשטאָכן —
ער האָט מיר קיינמאָל ניט פאַרגינט.

* * *

אין יובלדיקן אומרו פונעם הארבסט,
ווען ס׳ווערט דער וואלד פון פארב־געמיש פארכלינעט,
איך וועל אים ניט דערמאָנען, אז ער שטארבט,
ער קאָן נאָך מיינען — איך פארגין ניט.

און עפשער איז ער טויזנט מאָל גערעכט,
ווײַל טיף אין הארצן בין איך אים מעקאנע.
שוין בעסער בלײַענדיק צו פאלן אין געפעכט,
ווי מאכטלאָז־טרויעריק צו וויאנען.

דרײַ טראָפּנס

מיט קלינגענדיקע, לויכטנדיקע בײַטשן
דער רעגן שמײַסט די שויבן מיט קוראַזש.
די נאַסע שורעלעך זיך לאָזן טײַטשן —
אָט הערט זיך אײַן, ס׳איז ניט קיין שפּאַס.

דער ערשטער טראָפּן אױף דער שויב האָט אָנגעשריבן:
„געבוירן בין איך פון אַ בליץ,
וואָס האָט אין שווערע כמאַרעס זיך פאַרקליבן,
צעריסן זיי און זיי צעשמיצט...״

דאָס צווייטע טראָפּנדל אױף מײַנע שויבן,
וואָס קאָסע לויפט פון אויבן באַרג־אַראָפּ,
דערציילט האָט מיר, אויב מע זאָל קאָנען גלויבן,
אַז ס׳האָט אַ דונער דעם פאַרהילכט דעם קאָפּ.

דערפאַר איז עס פון הייך אַראָפּגעפאַלן,
נאָר איצטער טוט דעם שוין ניט באַנק.
און ניט דערפאַר, וואָס ס׳איז אַלצייַנס פאַרפאַלן —
אַ טראָפּן, לאָזט זיך אויס,
האָט וואָג און קלאַנג.

דער דריטער האָט פון נאַכעס זיך געבלאָזן,
שיר־שיר וואָלט ער געפּלאַצט פון פרייד:
געקומען איז ער אָפּפרישן די גראָזן,
די זוימען, וואָס קאַיאָר האָב איך פאַרזייט.

שטילקייט

א

די שטילקייט שטייט צוקאָפּנס פונעם שלאָף,
זי האָט זיך מיט דער איינזאמקייט געסוידעט.
זי קומט צום קאַטאָרזשניק אין טפיסע, ווי א שטראָף,
דעם אָטשערעט אין טייך זי הוידעט.

די שטילקייט שוועבט ארום דער קינדער־וויג,
זי פאלט אראָפּ איניינעם מיט די שנייען.
זי נעסטעט זיך אין ווייכקייט פון דיין בליק,
און טרויעריק־פריידיק ס'איז זי צו פארדייען.

ב

אָט דאָ איז ניט אזוי, ווי אַף דער ערד,
אָט דאָס איז שוין גאניידן!
אין טיפקײַט פונעם וואלד האָב איך דערהערט —
מע רופט אונדזביידן.

דו פרעגסט בא מיר דערשראָקן און פארגאפט —
צי דראָ׳ט ניט קיין סאקאָנע.
דער פראָסט צעהאנגען אַף די יעלן האָט זײַן האפט —
אונדז ביידן א מאטאָנע.

נו, קום, עס טרעפט דאָך זעלטן אזא גליק,
מע דארף דערוף א מין באזונדער זכיִע.
די שטילקײַט האָט פארנעפלט דיר דעם בליק,
א טרער פון צארטקײַט פינקלט אַף דײַן וויִע.

ג

אין פוכקע פעלצן מיט די הויכע קעלנער,
פאַרשאָטענע מיט שניי אזש ביזן קאָפּ,
די יעלן שטייען, ווי געשולטע זעלנער,
און היטן שטרענג די שטילקייט אָפּ.

און איך, דער נאַר, האָב ערשט אַצינד פאַרשטאַנען —
ניט אַלע טרערן מאַכן אַלט און גרוי.
פון שטילער לויטערקייט אין האַלדז איז מיר געשטאַנען
אַ קנויפּ פון טרערן, גלאַט אַזוי.

שלאָפלאָזיקײַט

כאַלוימעס מיט אָפענע אויגן —
אין טריבע, אין שלאָפלאָזע נעכט,
זיי זײַנען מיט נעפּל פאַרצויגן,
זיי וועבן אַ פּלאָנטער־געפלעכט.

כ׳וואָלט זיכער פון זינען זיך רירן,
ווען ס׳קומט ניט דער דימיען צו דינסט,
וואָס נעמט אין די רוימען דיך פירן,
אַהין, וווּ אַ טרייסט דו געפינסט

אין דעם, וואָס איז לאַנג שוין פאַרגאַנגען,
אין דעם, וואָס איז מענטשלעך און פּראָסט,
אין דײַנע, אין מײַנע פאַרלאַנגען,
וואָס האָבן דאָס לעבן געקאָסט.

איין געמיש פון פארב און קלאנג

אינעם געמיש פון רויש און שטילקייט,
באם סאמע יאם, וואָס וועקט דעם ברעג,
עס וויגט מיך איין א מאטע מילדקייט
און טראָגט מיך ערגעץ, טראָגט אוועק.

פון טייַנעג זיך די אויגן שליסן,
אין הימל־טיף דער יאם עס פלוישט,
די פארב פון כוואליעס דאָרט זיך מישן,
און אינעם יאם דער הימל רוישט.

און ס׳דוכט — אָט וועט די וועל פארגיסן
דאָס לייַב, וואָס איז צעגליט פון פלאם,
און ס׳וועט אף אייביק זיך פארשליסן
אין זייַן גערויש דער מילדער יאם.

* * *

עס שלאָפט דער וואַלד,
די פויגלען שלאָפן —
אַזוי באַטאָג,
אַזוי באַנאַכט.
נאָר היינט קאַיאָר האָט עפּעס זיך געטראָפן,
צי עפּשער האָט זיך מיר געדאַכט?

צוויי סאָסנעס האָבן בײַ מײַן פענצטער
זיך געסוידעט,
דער פּיקהאָלץ האָט זיך צוגעהערט צו זיי.
דער וואַלד האָט זיך צעוויגט,
צעהוידעט —
גענומען אָפּטרייסלען פון זיך דעם שניי.

אַ שטראַל האָט זיך אויף שטיקעלעך צעבראָכן
און זיך צעפלויגן אינעם צימער שנעל.
אַ שפּליטער האָט אַן אויג בײַ מיר
פאַרשטאָכן,
אַ זון־העזל געטאַנצט האָט אויף דער שוועל.

איך האָב זיך אײַנגעהערט, צי גייט ניט
קיינער,
צי גאַנוועט קיינער זיך אַהער.
בלויז אויף דער שויב, האָב איך געזען נאָר,
קײַקלט זיך אַראָפּ אַ שווערע טרער.

* * *

פאַרוואָס זשע קומט דער פרילינג אַף צוריק,
דער זומער און דער אָסיען?
און נאָר דאָס פּיצל אויסגעבענקטע גליק
איַילט זיך מיך פאַרלאָזן.

בעט איך זיך און בעט זיך, ווי אַ קינד:
פאַרבליַיב מיט מיר אַף שטענדיק.
נאָר זיַי אַ בעריע, כאַפּ אין פעלד דעם ווינט,
כאַפּ דעם בליץ, וואָס האָט דאָס אויג
פאַרבלענדעט.

* * *

דאָס סטעזשקעלע האָט קיינער ניט
באַטראָטן,
און אַלע פענצטער זײַנען צוגעשפּאַרט.
נאָר ס׳דאַכט זיך מיר,
באַנאַכט קלאַפּט אָן אַ שאָטן —
אַ שאָטן שרעקט זיך ניט באַנאַכט.

איך שפּרינג אַראָפּ.
פאַרכידעשט קוקן שטערן.
עס טוט קיין בלעטל זיך אין סאָד קיין ריר.
איך ווייס דאָך גוט —
כ׳וועל קיינמאָל שוין ניט הערן
קיין שטילן שאָטן קלאַפּן אין מײַן טיר.

* * *

איך זשמורע צו דאָס אויג,
און דורך דער וויִע
איך לאָז אַהין אַרײַן
א פּיצל שקיִע.
און טויזנט פליטערלעך,
קאָלירטע שפּליטערלעך,
פליִען, פליִען, פליִען.

דאָס אויג מאַך צו אַפּגיך,
וועסט זיי דערשפּירן.
נו, טו אַזוי ווי איך,
דו קאָנסט זיי דאָך פאַרלירן,
די טויזנט פליטערלעך,
די טויזנט שפּליטערלעך —
די שפּיל פון די קאָלירן.

* * *

ס׳האָבן אָפּגעהוליעט שוין די ווינטן,
און ווידער זון, און ווידער גרין.
דעם פרילינג־יאָמטעוו דעם פאַרדינטן
עס פּראַוועט די געטרײַע בין.

זי רוקט זיך טיף אַרײַן אין קויסע —
אין זאַפּטיקײַט, אין האָריקײַט פון קווייט.
די בלום פאַרכאַלעשט ווערט, פון טײַנעג גויסעט,
פון פרייד דאָ אויסגיין איז זי גרייט.

* * *

א שאָרך, א זיפּץ — און ווידער שטיל.
עס דוכט זיך בלויז,
דאָס צאַפּלען מײַנע אָדערן.
א סימען האָסטו — אָט־אָ זינגט די גריל,
זי וואָלט דאָך שטיל ווערן,
ווען עפּעס זאָל דאָ רודערן.

א שפּאַן, און נאָך א שפּאַן —
איך הער, איך וויים:
ס׳וויל עמעצער א סאָד פון מיר באהאלטן.
כ׳פיל אפן שטערן קאלטע טראָפּנס שוויים.

פון דוכטענישן ווערט דער קאָפּ צעשפּאלטן.

* * *

דאָס פֿלאַטערל איז גרינג אַזוי און שיין
און ס'לעבט זיך אויס אָן סייכל.
אָט־אָט וועט באַלד די זון פֿאַרגיין
און אופֿשטיין מיט אַ שמייכל.

דאָס פֿלאַטערל וועט צופֿאַלן צו דר'ערד
און איינשלאָפֿן, ניט ווערן.
נאָר מיר וועט דוכטן אין די נעכט —
עס פֿלאַטערט צווישן שטערן.

* * *

דער פּיקהאָלץ נעמט פּיקן די קאָרע,
און דעמלט דערהערט זיך די שטילקײַט.
די בײזקײַט פון אויגן פון קלאָרע —
דערצײלט װעגן מילדקײַט.

די האַנט, װאָס איז האַרט בײסן שטראָפן,
איז װײך אַף דער קישן.
איז מעגסטו אַ רויִקער שלאָפן —
מע׳ט מוחל זײַן אויך דײַן געװיסן.

ווינטער

דער קאַסע ווינט האָט אויסגעדרייט
די היטלען בא די יעלן
און זיי די קעלנער אויסגענייט
מיט שפּרענקעלעך, קארעלן.

דער בלויער שניי האָט אויסגעשפּרייט
אף דעכער זײַנע טיכער,
מיט פליטערלעך דעם הויף פארזייט,
א ווייכן וועג מיר צוגעגרייט
און רופט מיך —
גיכער, גיכער!

די טיר כ׳צעפּראל.
איך בלײַב געפּלעפט
און קאָן קיין שפּאַן ניט מאכן —
די גאנצע ערד איז אויסגעהעפט,
ווי אין א מײַסעלע עס טרעפט,
און ס׳ווילט זיך וויינען, לאכן.

באגעגעניש

דער אָסיען איז שוין אויך אוועק
און מיך געלאָזט אהינטער.
און ערגעץ דאָ, ניט ווײַט אין וועג,
עס שפּאנט א נײַער ווינטער.

שוין טיר־און־פּענצטער צוגעשפּארט —
כ׳בין גרייט אים צו באגעגענען.
און אין דער ערשטער נײַיאָר־נאכט
מיט אלדאָס שלעכטס זיך זעגענען.

מיט אלדאָס בייז, מיט אלע שלעק
זיך זעגענען, זיך שיידן.
און נאָר די גוטע, ליבע טעג
דערמאָנען כ׳וועל אין פריידן.

געלויבט זאָל זײַן דאָס נײַע יאָר,
די הייליקײַט פון גלויבן.
כאָטש שנייִק ווערן מײַנע האָר
און קנייטשן בא די אויגן.

א דאנק דער קוקאווע

איך קום נאָר אַרײַן אינעם וואַלד,
דערהער איך, ווי ס׳ציילט די קוקאווע.
און מיר איז בעפּיירעש ציקאווע
צו וויסן געֿנוי, ווו איך האַלט.

זי ציילט מיר די יאָר אָן א שיר —
איך ווייס, אז ס׳איז פּאָשעט א ליגן,
נאָר קוים ווערט זי פּלוצעם אנשוויגן,
ווערט אומרו:יק, טרויעריק מיר.

איך בעט ניט, איך דאַרף גאָרניט פיל,
און ס׳איז שוין קיין סאַך ניט פאַרבליבן.
קוקאווע, א דאַנק פאַרן ליגן,
א דאַנק פאַר דער פריילעכער שפּיל.

ג. א. שטערן
אין יאם



* * *

א גאנצע וועלט אין זיך איך טראָג —
פון דײַגעס און פון פריידן,
נאָר מיט קיין זאך, וואָס איך פארמאָג,
עס ווילט זיך מיר ניט שיידן.

עס טוט מיר באנק,
דאָס הארץ פארקלעמט
אפילע פארן ווינט דעם שיקער,
וואָס קומט צו לויפן פון דער פרעמד,
צעבערעכט דעם דעמב
אף שטיקער.

כ׳בין גרייט פארלינדערן זײַן שולד —
איך זוך פאר אים א טערעץ.
צו זיך איך טײַנע: „האָב געדולד,
פארשטאנד און דערעכערעץ״,

ווײַל אײַנברעכן אזא מין גוואר
איז נאָר א גוואר געגעבן.
קאָן זײַן, דערפאר טאקע, דערפאר
איז דיר געשענקט דאָס לעבן.

* * *

די זון־רויזן אין געלע קאפּערלעך
עס שפּילן מיטן ווינט אין כאַפּערלעך.
אָט פליט אוועק דער ווינט פאַרשײַט
אין פּשענעטשקעס א פריילעכער.
און שורשעט אינעם דינעם זײַד
פון זייערע פאַטשיילעכלעך.

און פלוצעם ווערט ער, דאכט זיך, מיד —
באהאלט זיך אין די ווײַמפּערלעך.
עס זינגט דאָרט עמעצער א ליד,
זי הערט זיך שוין באַשײַמפּערלעך.

עס לאָזט זיך אויס,
דאָס זינגט די גריל,
וואָס זיצט אָט דאָרט באהאלטן.
דאָס קלייד פון קוסט
איז פול־און־פיל
מיט טונקל־גרינע פאַלדן.

זי האָט ניט מוירע פאַרן ווינט —
ער וועט זי ניט דערטאַפּן.
פונקט ווי א בלעטעלע זי גרינט —
נעם, פּרוּוו זי אָקאָרשט כאַפּן.

אויך מיך ניט פארגעסן

דער פראָסט איז באפאלן די קרוין פונעם דעמב,
וואָס שטייט בא דער שוועל, ווי א היטער,
געקומען צו פליִען מיט ראש
פון דער פרעמד,
פון קעלט א צעגליטער.

די ריטשקע פארגלאָזט
און אנטלאָפן צום באָר,
געהוילט און געהוליעט מעסלעסן.
און מיך האָט דער קיַיסן געכאפט פאר די האָר —
אויך מיך ניט פארגעסן.

א שטערן אין יאם

א קאָל האָט מיך גערופן: קום!
און כ׳בין ארויס פון הויז.
ס׳איז רויק, פינצטער אומעטום,
ס׳איז בלויז דער הימל גרויס.
די שטערן ווינקען שטיל, געהיים —
און הערן הערסטו זיך אליין.

עס פאלט קיין בלעטל ניט אראָפּ,
מע הערט קיין אָפּהילך פון קיין טראָט.
אוואדע איז א גרויסער שאָד,
וואָס ס׳איז אין הייך ניטאָ קיין גאָט,
ער וואָלט דיך גערן אויסגעהערט
און וואָלט דיר נאָכגעגעבן רעכט.

א כוואליע לעקט דעם זאמד פון ברעג
און לאָזט זיך אָף צוריק,
און די לעוואָנע האָט א שטעג,
פונקט ווי פון גאָלד א בריק,
צעשפּרייט איבער דער יאמען־ברייט...
ווער גייט אהער? ווער גייט?

איך הער זיך צו און קוק זיך איַין —
עס ציטערן די וועלן...
די שפּליטערס פון לעוואָנע־שיַין
פארבלענדן און פארשטעלן

אָט דעם, וואָס קומט.
דאָס האָט זײַן שטים
גערופֿן, כ׳זאָל ארויס צו אים.

א פלעדערמויז פארבײַ עס פליט
און טייקעף ווערט פארלוירן.
איך הער איצט בוילעט שטילע טריט —
זיי קלינגען אין די אוי׳רן.
זיי שטעלן אָפּ זיך לעבן מיר,
און מוירע כ׳האָב זיך טאָן א ריר.

עס קלאפט דאָס הארץ —
טוק־טוק, טוק־טוק!
און עמעץ זאָגט געלאסן:
— קאָן זײַן, דו ביסט געניט און קלוג,
נאָר שפּאסן?..
דארפסט ניט שפּאסן...

און איידער זאָגן יאָ צי ניין,
דו הער זיך אײַן אין זיך אליין,
און איידער וואָס באשליסן —
פרעג אָן בא דײַן געוויסן.
וואָס ער וועט מישפּעטן —
איז רעכט,
אים מעגסטו הייליק גלויבן,
ער זעט דאָך אלץ
און אלץ ער הערט
מיט ריינע קינדער־אויגן.

איך טו א ריס זיך פונעם אָרט —
עס איז ניטאָ דאָ קיינער.
נאָר יעדער קלאנג,
נאָר יעדער וואָרט
איך האָב אליין געהערט דאָך פּאָרט,
און איך בין דאָ אליין נאָר...

איך טו א שפּאַן אין גאָלד פון יאַם
אף די לעוואָנע־וועגן.
אזוי־אָ דארף עס זײַן מיסטאַם.
פאַרוואָס?
דו זאָלסט ניט פרעגן...

* * *

שווימט דער מוילעד א צעגליטער —
דער געניטער סוידע־היטער.
אלץ, וואָס טוט זיך אינעם וואלד,
אין געהיימעניש ער האלט.

וואָס פארטײַעט ס'האָט דער קוסט,
איז דעם מוילעד אויך באוווסט.
ווען זײַן שײַן עס טוט א שפּריץ,
שנײַדט דעם וואָלקן דורך א בליץ.

יעדער בערגל, יעדער שאָטן
אין א כײַע ווערט געראָטן.
ווען דער מוילעד שארפט זײַן מעסער,
ווערט דער פּאכעד שטארקער, גרעסער.

און מײַן ייִנגעלע, מײַן ברעקל
פאר דער כאשכעס נעמט זיך שרעקן.
נארעלע, ס'וועט באלד שוין טאָגן,
ס'וועט א שטראל די נאכט פאריאָגן.

יעדער בלעטל אַף די צווײַגן
וועט די דלאָניע דיר באווײַזן,

אז עס האָט דאָרטן באהאלטן
בלויז א טראָפּן טוי א קאלטן,
ווי א זויבער־ריינעם פּערל
אַף צו אָנפּאָיען א שפּערל.

* * *

מיר ווערן עלטער איצט מיט יעדער שאָ
און זײַנען גרייט דערמיט בראווירן.
מיט וואָס צו רימען זיך איז שוין ניטאָ,
איז וואָס זשע קאָן מען שוין פארלירן?

נאָר אין זיקאָרן כ׳קלײַב נאָך אָפּט צונויף
דאָס אלץ, וואָס קינדווײַז כ׳פלעג אמאָל באהאלטן
אינעם בוריאַן, וואָס איז געוואקסן אינעם הויף,
אין קוימען, אפן דאך, אין די פּאָדלאָגע־שפּאלטן.

דער ציפּערבלאט מיט ווײַזערלעך פון מעש,
דאָס צימבעלע מיט זיבן סטרונעס
באגראָבן ליגן לעבן קוסט פון בעז,
כאָטש גיי זיך דורך אהין, געפין עס.

פאר אלץ, וואָס טײַער איז ביז איצט אזוי,
וואָלט קיינער ניט געגעבן דיר קיין גראָשן.
נאָר ס׳לאָזט זיך אויס — גענוג צו ווערן גרוי,
ס׳זאָל יעדער קלייניקײַט באקומען לאָשן.

און דאָס איז אויכעט ניט קיין שלעכטער לוין.
א דאנק, א דאנק דיר, מײַן זיקאָרן!
— — — — — — — — — — — — — — — —
אָט שטייט דער דעמב איצט אָן א קרוין,
ער האָט אין הארבסט זי נאָך פארלאָרן!

* * *

דאָס מאזל שפּילט מיר פּונקט אזוי ווי אלעמען,
פון קיינעם כ׳בין ניט בעסער, אפּגעוויס,
ס׳האָט קיינער ניט געהערט, איך זאָל זיך זשאלעווען,
עס טרעפט, פונדעסטוועגן, אמאָל פארדריסט,
ווען ס׳רײַסט אראָפּ די פרוכט אָט יענער,
וואָס האָט צוויי לאנגע הענט און לאנגע פיס,
און ניט דערפאר, ווײַל ער איז בעסער, שענער
און קליגער פון אן אנדערן ער איז.

נאָר מיילע, זאָל ער! כ׳בין אים ניט מעקאנע,
דערלאנגען קאָן ער ניט צו דעם, וואָס איך פארמאָג.
איך האָב, אשטייגער, הײַנט פארשטאנען,
אז מיט א קינדער־שמייכל הייבט זיך אָן דער טאָג.
אז אלע בערג און טײַכן כ׳קאָן אריבער,
אויב דאָס זאָל זײַן מײַן ליבערס א באגער,
אז איך, דער שוואכינקער, קאָן זײַן א גיבער,
וואָס אופהייבן די ערד איז אים ניט שווער.

און אלע קומען מיר צוהילף דאָך גערן —
די צווײַג עס בייגט זיך אָן צו מיר אליין,
דעם וועג באלויכטן מיר די הויכע שטערן
און ווײַזן אָן וווהין צו גיין.
דער פראָסט עס סקריפּעט, פריילעך מיר צו מאכן,

פונוויַטן לײַכטן פײַערלעך אין שויב,
און ס׳זינגט דער ווינט פאר מיר אף טויזנט שפּראכן,
און איך, איך זינג דערפאר דער וועלט א לויב.

ניין, ניין, איך בין אים ניט מעקאנע,
אָט יענעם מיט די לאנגע הענט און פיס.
ער האָט א לעבן, נעבעך, ניט פארשטאנען,
וואָס גליק עס איז.

דער קרײַז פֿון געוויסן

איך זאָג זיך ניט אָפּ
ניט פֿון גוטן און שלעכטן,
איך זאָג זיך ניט אָפּ
ניט פֿון הײַנט, ניט פֿון נעכטן.
פֿאַר דעם, וואָס באַגיין וועל איך
שפּעטער צי מאָרגן,
כ׳וועל אויך זיך צעצאָלן —
כ׳וועל גאָרניט פֿאַרבאָרגן.

נאָר וואָס וועט געשען,
כ׳וואָלט א באַלן זײַן וויסן.
ווו ליגט ער באַהאַלטן,
פֿון מאַזל מײַן שליסל.
ווו וועל איך געפֿינען,
ווו וועל איך פֿאַרלירן,
און וואָס פֿאַר א שעד
וועט מיך פֿירן־פֿאַרפֿירן.

דער פֿויגל, ער ווייסט,
אַז זײַן קרײַז איז געשלאָסן.
די היים וועט ער שטענדיק
אין האַרבסט־צײַט פֿאַרלאָזן,
און פֿרילינג זיך אומקערן
וועט ער צוריק.

אזא איז זײַן גורל,
זײַן אומגליק, זײַן גליק.

איך ווייס ניט, איך ווייס ניט,
איך קען דאָס ניט וויסן,
ווו שליסט זיך דער קרײַז
פונעם עכטן געוויסן,
נאָר זאָרגזאם איך וועל זיי,
די זינד מײַנע, קלײַבן,
איך זאָל קיין באלכויוו
בא דער וועלט ניט פארבלײַבן.

בערענדיי

דעם ווינטערדיקן וואלד
די שטילקייט האָט פארשאָטן,
אין פעלצעלעך פון שניי
זיך ניורען וועלף און שלענג.
ס'איז יעדער בערגל
אין א כּיַעלע געראָטן,
אף יעדער צווײַג
א ווײַסע שטילקייט הענגט.

עס פלעכטן זיך די שאָטנס
פון די טאנען,
וואָס פאלן אפן אָנגעבלאָזטן שניי,
און די בערעזעס
מיט די העלדזער, ווי די שוואנען,
עס בייגן זיך
צום קיניג בערענדיי.

ער שוועבט ארום
אין קיניגרײַך פארבאָרגן
און שפּינט פון טוי־געפּריר
זײַן מײַסעלע פון האפט.
פון זילבער שפּינט ער הײַנט,
דאָס גאָלד ער שפּאָרט אף מאָרגן,
זאָלסט מאָרגן מער ווי הײַנט
דערשטוינט זײַן און פארגאפט.

איך בלאָנקע אום אין וואלד,
ווי אין א גוטן כאָלעם,
נאָר ס׳גייט מיר נאָך א בענקעניש —
א בייזע שטראָף.
וויַיזט אויס דערפאר,
וואָס כ׳קאָן ניט מאכן שאָלעם,
וואָס אויך א מיַיסעלע
פארמאָגט א סאָף.

פון כאָלעם און וואָר דער געפּלעכט

אין צימער איז טונקל און שטיל,
די שויבן פון הויז, וואָס אנטקעגן,
פאַרפירן א גאָלדענע שפּיל
מיטן שקיִע־פאַרמעגן.

אווו איז דער סאָף פון דער וואָר,
און ווו איז דער אָנהייב פון כאָלעם?
איך דרעמל, נאָר דאָך איז מיר קלאָר —
ניטאָ איז קיין כילעק, אפּאָנעם.

דו זעסט, ווי די שקיִע איז רייַך,
ווי ס׳פינקלט דאָס גאָלד אף די שויבן.
מיר דאכט — ס׳איז ניטאָ קיין פאַרגלייַך,
וואָס פראָסט איז אזוי און דערהויבן.

דו הער אין דער שטילקייַט זיך איַין —
אָט קומט ער, דער היימישער ניגון,
ער דרינגט דורך די פענצטער אריַין
און הוידעט די קינדערשע וויגן.

8*

און ס'כאָלעמט זיך זיי אין די נעכט —
זיי פּליִען אָן פליגל.
פון כאָלעם און וואָר דער געפלעכט
הייבט אָן זיך פון וויגל,
הייבט אָן זיך, אפאָנעם, פון וויגל.

א פוסטער טאָג

עס טרעפט א פוסטער טאָג —
באוויַיזט אים ניט באמערקן.
ער קומט, פארשווינדט,
און אָט איז ער שוין נעכטן.
ער טראָגט ארויס זיַין פסאק,
זיַין מישפעט זיַין גערעכטן.

ערשט שפעטער וועסטו זיך דערמאָנען ווידער
די ניט געזונגענע,
דערשטיקטע לידער,
וואָס האָבן דעמלט זיך געקלאפט אין שויב,
נאָר ווי א טויבער ביסט געוועזן טויב.

און דער זיקאָרן וועט דיך שטענדיק רייצן,
דערמאָנען דאָס אף יעדער שפאן.
עס קאָן א יאָר אוועק
און דיך מיט פרייד פארפלייצן,
נאָר דאָך וועסטו געדענקען
דעם טאָג, וואָס איז פארגאן.

* * *

דאָס גראָז וואָלט ניט ווייך זײַן,
ווי סאמעט, ווי זײַד,
ווען ס'וואָלט זיך מײַן קינד
דאָ ניט שפּילן פאַרשײַט;
דער טוי וואָלט ניט פינקלען
אַף דלאָניע פון בלאַט,
ווען ס'אויג וואָלט דערפון ניט
קיין נאכעס געהאַט;
ווען איך וואָלט ניט דאַרפן
דעם פויגל־געזאַנג,
ווען דו זאָלסט ניט דאַרפן
דעם רויש פונעם זאַנג, —
ס'וואָלט קיינער געמיט זיך
פון פרי ביז צו פרי,
און הייליק ניט זײַן וואָלט
די פּאָשעטע מי.

א שטראַל פון שקיִע

אין שויב האָט א שטראַל זיך פאַרשטאָכן,
מיט בלוטיקן גאָלד זי פאַרשמירט.
אף שטיקלעך אליין זיך צעבראָכן —
אף פראָסטיקע שפּליטערס פון ליכט.

קיין כאַשכעס ער האָט ניט צעטריבן,
קיין שײַן אף דער ערד ניט פאַרזייט,
און דאָך איז אף לאַנג נאָך פאַרבליבן
אין הארצן א ליכטיקע פרייד.

קאָן זײַן

אַלע טאָג פֿאַרגייט די זון,
און אַלע טאָג פֿאַרשיידן.
עס קאָן זיך דאַכטן,
אַלץ איז שטום,
נאָר אַלע זאַכן ריידן.

און יעדער וואָרט
איז פֿול מיט שײַן —
מיט גינען און מיט שקיִע.
קאָן זײַן,
קאָן זײַן,
עס קאָן גאָר זײַן —
איך הער דאָס
מיט דער ריִע.

מיט אַ באַזונדער זכיה

איך ווייס געוויס: די צווײַגן,
וואָס דרעמלען קלוימערשט, שווײַגן, —
לײַגן!

איך הער דאָך, ווי עס רינען
אין אָדערלעך אין דינע
זאַפטן לויטער־גרינע.

פאַרקלעמט איך האָב די אַפּלען,
נאָר כ׳זע — די זאַפטן צאַפּלען,
און הער — זיי ריזלען, פּלאַפּלען.

איך הער ניט מיטן אויער,
איך זע ניט מיט דער ריה —
מיט אַ באַזונדער זכיה.

די שפּראַך פון דער וועלט

דאָס לאָשן פון שטילקייט — די שפּראַך פון דער וועלט —
עס קענען די קווייטן, די גראָזן,
דער שטערן, וואָס דאָרט, אין די הייכן, עס העלט,
אפילע די ווינטן, וואָס בלאָזן.

דאָס האַרץ, און דאָס אויג, און דאָס פייַער פון בלוט,
אַף שטיל־לאָשן קענען זיי ריידן.
זיי שווייַגן אפילע, ווען ס׳קומט די מינוט,
די האַרבע מינוט פון צעשיידן.

דאָס שטיל־לאָשן לעבט אין דער ביטערער טרער,
וואָס שטיקט אינעם האַלדז, ווי די קלאַמען,
דאָס לאָשן פון שווייַגן עס רעדט, ווען ס׳איז שווער,
ווען שלעכט ס׳איז און גוט אונדז צוזאַמען.

אן אומפאַרשטענדלעך לאַשן

פון טונקלער הייך
עס ווינקט צו מיר א שטערן,
ער מינעט זיך
מיט טליִענדיקן גאָלד.

מיר דוכט,
איך קאָן אפילע שווערן,
אז עפּעס האָט ער זאָגן מיר געוואָלט.
קאָן זײַן, דערציילן מיר —
ער איז שוין לאנג פאַרלאָשן,
זײַן קאלטע שײַן
קאָן בלויז צו מיר דערגיין...
עס טרעפט, אז איך פאַרשטיי
אן אומפאַרשטענדלעך לאָשן,
מע דאַרף נאָר וועלן, כ׳זאָל פאַרשטיין.

* * *

דו זעסט,
דער מוילעד אָנגעשטעלט עס האָט דעם אויער
און הערט זיך איַין,
וואָס טוט זיך אויף דער ערד,
און מיך פאַרדריסט,
און איך באַדויער,
וואָס כ'האָב ניט בוילעט,
ווי דער מוילעד,
געזעען אַלץ
און אַלץ געהערט.

כ'האָב ניט געהערט
דעם צופלוס פון די יאַמען,
ווי ס'עלטערט זיך דער וואַלד —
כ'האָב ניט געהערט.
ווי ס'מערן זיך די קרייַזן אין די שטאַמען
און ווי די וועלט די גאַנצע עלטער ווערט.

* * *

ניט אַלץ איז שוין באַוווּסט,
ניט אַלץ איז נאָך פֿאַרשטענדלעך.
אַ בלעטל אויפֿן קוסט
איז אויך, מיסטאָם, אומענדלעך.

און איך האָב גאָר געקלערט,
דו ביסט אין מיר געראָטן —
אַז איינעם איז באַשערט
דעם צווייטנס זײַן אַ שאָטן.

געגלייבט איך האָב דעם בליק
דעם ליכטיקן, דעם קלאָרן.
איך האָב געמיינט — מײַן גליק
איז אויך דײַן גליק געוואָרן,

פּונקט ווי דער גלי פֿון בלוט,
וואָס האָט גענערט אונדז ביידן.
פֿאַרזען כ׳האָב די מינוט,
וואָס קאָן אַמאָל צעשיידן.

ווי גרויס ס׳איז ניט די שטראָף,
האָב איך פֿאַרדינט נאָך מערער...
נאָר מיינסט, ס׳איז שוין אַ סאָף,
אַז ס׳איז פֿאַר מיר אַ לערער?

לעצטע קווייטן

איך האָב געבראַכט דיר קווייטן —
די לעצטע פונעם קוסט.
דו האָסט געקושט אַ צווייטן,
און איך האָב עס געוווּסט.

מיט שניי די קווייטן שמעקן,
זיי זײַנען קלאָר, ווי שניי.
אין שניי פון טריט די פלעקן —
און אַלץ דערציילן זיי...

זיי וועלן אַלץ צעטרעטן —
ס'איז אַלץ, ס'איז אַלץ שוין קלאָר, —
דער שניי וועט זײַן אין פלעקן,
און שניי אין דײַנע האָר.

א שווערע שטימונג

די שײַן איז פֿאַרלאָשן,
דאָס פֿענצטער פֿאַרמאַכט,
עס אײַלן אין פּאַרק די טראַמװײַען.
איך בלאָנקע אַרום
אין דער גאַס אײַנגעשפּאַרט —
אַף אַלץ װעט די נאַכט
הײַנט מיר סטײַען.

װען ס'װאָלט כאָטש
א הײמלאָז־צענעריקטער הונט
מיר נאָכגײן
און ביטער קאװוטשען,
איך װאָלט אים פֿאַרבונדן די לאַפּע —
די װוּנד,
ער זאָל זיך פֿאַר װײטעק ניט מוטשען.

איך האָב ניט פֿאַרשטאָכן
קײן האַנט, ניט קײן פֿוס,
נאָר באַלד װעל איך אָנהײבן הוילן...
דאָס פֿענצטער פֿאַרמאַכט...
און פֿון קאַס און פֿאַרדרוס
מיך בריט אין די אויגן, װי קוילן.

היט זיך פאַר צוגן

היט זיך פאַר צוגן,
היט זיך פאַר צוגן!
ניט נאָר זיי לויפן,
ניט נאָר זיי יאָגן —
זיי קאָנען די פרייד
און דאָס מזל פאַרטראָגן.
היט זיך פאַר צוגן.

האָסט ניט באוויזן
קיין וואָרט נאָך צו זאָגן,
האָסט ניט באוויזן
ניט בעטן, ניט קלאָגן —
זיי זײַנען פאַרשוווּנדן
אין ווײַטן, די צוגן,
און קיינמאָל דו וועסט שוין
די צוגן דעריאָגן.
היט זיך פאַר צוגן,
היט זיך פאַר צוגן!

א שניי איז געגאנגען

א שניי איז געגאנגען,
א שניי האָט געשאָטן
און האָט מיך באגלייט,
ווי מײַן אייגענער שאָטן,
און האָט מיך באשאָטן,
באשאָטן,
באשאָטן.

א שניי איז געגאנגען,
א שניי איז געפאלן
און האָט מיך דעריאָגט
און איז מיך באפאלן —
און ס׳איז שוין פארפאלן,
פארפאלן,
פארפאלן.

ד· איך לויף
צום האָריזאָנט



* * *

איך דארף נאָך אָנשרײַבן די ליד,
וואָס אלע נאָך איר בענקען,
אז ווו א וואָכעדיקער ייִד,
זאָל שטענדיק זי געדענקען.

און קלאָר זאָל זײַן דאָס מינדסטע וואָרט,
עס זאָל באַם הארצן נעמען,
און שטענדיק זאָל עס זײַן צום אָרט,
און קיינעם ניט פארשעמען.

אז ווו דו שטייסט און ווו דו גייסט —
אין טרויער צי אין פריידן,
זאָל זײַן די ליד פאר דיר א טרייסט
און שטענדיק דיך באגלייטן:

ווען צו דער כופּע וועסטו גיין —
א יונג מיט שווארצע לאָקן,
און ווען פארבלײַבן וועסט אליין —
א גראָווער שוואכער זאָקן.

* * *

קיין פֿליגל האָב איך ניט —
איך דאַרף זיי ניט צום פֿליִען.
אָן פֿליגל, ווי דער אָדלער
פֿלי איך גרינג.
קיין פֿידעלע פֿאַרמאָג איך ניט
אויף סטרונעס אָנצוציִען —
אָן סטרונעס, אָן א פֿידעלע —
איך זינג.

אין בלויער טיף,
אין וואָלקנדיקע הייכן,
מיט צוגעמאַכטע אויגן
כ׳שוועב אַרום
אָט דאָרט,
וווּ ס׳קאָן קיין פֿויגל ניט דערגרייכן
און וווּ די אייביקייט איז שטום.

נאָר אויב אין האַרצן
פּלאַצן וועט א סטרונע
און פּאַלש א קלונג טאָן
וועט מײַן ליד,

כ׳וועל צו דער ערד
א פאל טאָן מיטן פּאָנעם,
צו יענער ערד,
וואָס האָט פון פאלשקייט מיך פארהיט.

איך לויף צום האָריזאָנט

ווי ווײַט דאָס אויג פארכאפּט —
אַלץ פעלד און פעלד...
איך לויף צום האָריזאָנט —
אַט וועל איך אים דערלאנגען.
פון יענער זײַט,
וואָס איז פון מיר פארשטעלט,
פארבאָרגן איז
א וואונדערלעכע וועלט,
אַן אויסגעכאָלעמטע
פון טרוימען
און פארלאנגען.

איך לויף צום האָריזאָנט,
ווו עס פארגייט די זון,
ווו ס׳מישט זיך רויט מיט בלוי
אין אָוונטיקן דעמער,
דאָרט אפן הימל־ראנד
פאמעלעך שפאנט א פרוי,
זי טראָגט צוויי עמער גאָלד,
צוויי פולע עמער.

מיט אויסגעשטרעקטע הענט
איך לויף
און לויף,

מיט פולן זאָל זי מיר
דעם וועג אריבערשפאנען,
נאָר כ׳הער שוין פון דער ווײַט
פון אונדזער הויף
דאָס שטרענגע קאָל
פון מײַן געטרײַער מאמען:
— ווו טראָגן דיך ארום די לאנגע פיס?
שוין קער זיך אום!
ס׳איז צײַט זיך לייגן שלאָפן...

ווען ניט די מאמע,
וואָלט איך אף געוויס
צום האָריזאָנט צום בלענדיקן אנטלאָפן.

די מאמע וואשט גרעט

עס טרעפט אמאָל, ווען כ׳זיץ אזוי
מיט צוגעמאכטע אויגן,
דערזע איך דיך
איבער דער בלוי
פון סאזשלקע פארבויגן.

די פיס אין וואסער ביז די קני,
פארקאטשעט הויך די ארבל,
ס׳האָט דײַנע האָר דער אינדערפרי
באשפריצט מיט גינגאָלד־פארבן.

א בערגעלע פון גרעט אין גראָז —
ווי שניי אין גרינע גראָזן!
און ווי א לײַכטער זייפנבלאָז,
א העמד איז אָנגעבלאָזן.

עס רײַסט זיך פון דער מאמעס הענט,
צום הימל וויל עס פליִען,
און עפשער איז א העמד קיין העמד
אין פריִע אינדערפריִען?

און עפשער איז די מאמע גאָר
קיין מאמע, נאָר א פרעמדע?
ווי קומט צו איר געגילדטע האָר
און פליִענדיקע העמדער?

זי שוועבקט, זי פּראַטשט
אין שטיין דאָס וועש,
און צווישן אָטשערעטן
עס גוואלדעווען די גרינע פרעש
און, ווי די שיידים, שפּעטן.

די מאַטקעלעך געשווינד אַראָפּ —
און בוך!
איך לאָז זיך שווימען...

. . . .

נאָך איצטער דרייט זיך אזש דער קאָפּ,
ווען ס׳קומט אַזעלכס אין זינען.

* * *

אָט דאָ האָב איך מײַן ערשטן טראָט געשטעלט,
פונדאנען האָבן טויזנט וועגן
א דאָרשטיקן געפירט מיך אין דער וועלט,
געפינען זאָל איך מײַן פארמעגן.

כ׳זאָל נעמען אלץ, וואָס אופהייבן איך קען,
עס וועט מיר קיינער ניט פארבאָטן.
א וועלט כ׳בין פארן לעבן אויסגעוועזן.
ווו איז דאָס סטעזשקעלע,
וואָס איך האָב אויסגעטראָטן?

* * *

פאמעלעכן גיי איך
אנטקעגן דער נאכט,
פון סאָסנעס דער רייעך
אין וואלד מיך פארנארט.

ס׳איז ווייטעקדיק נאָענט
און ווייטעקדיק פרעמד
דאָס טליִען פון אָוונט,
וואָס ברענט און דערברענט.

ס׳דערטראָגט זיך פון הייכן
א ניגן פארטרוימט,
פון מוילעד דער שמייכל
מײַן אומרו פארלוימדט.

דערשראָקן א לערכע
פון שלאָף זיך צעשרײַט,
און ס׳ענטפערט אן עכאָ
דעם פויגל פון ווײַט.

א פײַערל בלענדט
צווישן וואלדיקן זײַד,
ס׳איז מוירעדיק פרעמד,
נאָר עס רופט מיך פארשײַט.

קאָן זײַן גאָר, אַז דאָרט,
אינעם פרעמדן געצעלט,
געפינען כ׳וועל פּאָרט,
וואָס אַ לעבן מיר פעלט.

* * *

ווען ס׳שטייט באם שוועל פון אַנוּוער די געפאַר,
פארליר איך איבער זיך די שליטע.
און א דערשטוינטער שפּיר איך נאָך דערפאר
נאָך דײַנע פינגער די געניטע,
וואָס לויפן איבער פּיבערדיקן לײַב
פון שוואכן קערפּערל צעגליטן.

דו האָסט דען ניט קיין הארץ
און קיין געפיל,
דו קאָנסט נאָך שמייכלען, ריידן,
זיך באוועגן,
איך ווער מעשוגע, ווייס ניט, וואָס איך וויל,
בא וועמען מאָנען און בא וועמען פרעגן?

נאָר כ׳בין מעקאנע דיר —
ווי רויִק פראָסט
דו פּרוווסט מיט ליפּן בא דעם קינד דעם שטערן.
און מײַנע אָדערן פארקאָוועט האָט א פראָסט,
און הייליק כ׳וואָלט געקאָנט איצט שווערן:

דו ביסט אַן אנדערע,
ניט די, וואָס כ׳האָב געקענט,
ניט די, וואָס שרעקט זיך פאר א מײַזל אין דער נאָרע,
א שולדיקער איך קוק אף דיר פארשעמט,
כ׳האָב זיך אליין אויך ניט געקענט, א סוואָרע.

מוט

מיר זאָגן „ניין",
ווען איך בין ניט גערעכט,
מיר זאָגן „גוט" אַף גוטס
און „שלעכט" אַף שלעכטס —
אַזוינס האָב איך פון דיר נאָך ניט געהערט.
און דו, כאַכאָמע מײַנע, ביסט גערעכט.

ס'איז ניט דערפאַר, ווײַל ס'קלעקט דיר ניט קיין מוט,
נאָר בלויז דערפאַר,
ווײַל מיר איז דעמלט גוט,
ווײַל די געוווינשאַפט האַלט מיך, ווי אין קלעם,
כאָטש ווייסט,
אַז שולדיק וועל איך מאַכן דיך אין דעם.

אַף זאָגן „גוט"
און פונקט אין דער מינוט,
ווען ס'וואָלט אַן אַנדערער געלאַכט מיסטאַמע,
אַף דעם באַדאַרף מען טאַקע מוט,
אַף דעם באַדאַרף מען ליבע פון אַ מאַמע.

באם קראנקן־בעט

אין טריבע טעג,
אין שאָען שטרענגע,
ווען די געפאר איז בא דער טיר,
זאָל דיר מײַן ליד א טרייסט־וואָרט ברענגען
און א רעפוּע זײַן פאר דיר.

כ׳וועל שעפטשען שטיל
בא דײַן צוקאָפּנס,
דײַן אָטעם היטן אָנגעשטרענגט
און גלייבן —
פּונקט ווי צויבער־טראָפּנס,
די טפילע־ליד דיר היילונג ברענגט.

מײַן גלויבן זאָל דעם גרויל פאריאָגן,
וואָס זוכט א נעסט אין אָט די ווענט.
איך שעם זיך ניט קיין טפילע זאָגן,
כאָטש כ׳ווייס —
ס׳איז ניט אין דעם געווענדט.

* * *

דער שטורעם איז געקומען אומגעריכט,
ווי פון א קייט זיך אָפּגעריסן,
א בייזע קריג מיט אלעמען פארפירט —
געבראָכן אלץ, געשלײַדערט און געשמיסן.

און פרעגט בא אים —
קומט אויס, ער איז גערעכט,
אז ער האָט ניט געטאָן קיין שאָדן...
פאר דעם, וואָס ער צעשמעטערט און צעברעכט,
וועט קיינער אים ניט לאָדן.

ווײַל פאלן פאלט דער בוים, וואָס איז צעפוילט,
וואָס זויפט אומזיסט דעם זאפט בא זײַנע שכיינים...
— — — — — — — — — — — — — — — —
א גרויזאמער דער שטורעם הוילט
און ווארפט אין הימל שטיינער.

דערשראָקן און פארכידעשט כ׳הער זיך אײַן,
און אומגעריכט עס קומט מיר אפן זינען:
עס קאָן זיך מאכן גאָר,
עס קאָן גאָר זײַן,
אז אָן דעם שטורעם וואָלט דער וואלד ניט גרינען.

* * *

װען ס'פֿאַלן די קאַשטאַנעס פֿון די בײמער
און פּלאַצן אױפֿן שטײן פֿון טראָטואַר,
פֿאַרגאַנװעט זיך אין האַרצן אַ געהײמע,
אַן אומפֿאַרשטענדלעכע געפֿאַר.

מיט אומרו פֿול דאָס רױשן פֿון די בלעטער,
די רױטקײט פֿון דער הימלדיקער שײַן.
דער װינט, װי עפּעס אַ פֿאַרעטער,
אין אױער שושקעט מיר אַרײַן.

צי איז דאָס ניט דער רױ־געפֿיל דער װײַטער
פֿון פּריזע אורזײדעס, װאָס לעבט נאָך ביז אַצינד,
װאָס האָבן בײַ דעם פֿײַער פֿון אַ שײַטער
געטוליעט זיך — באַהאַלטן זיך פֿון װינט,

װאָס האָט געבראַכט זײ גליװערדיקע קעלטן
און װײַסן הונגער אינעם שנײען־שױם...
— — — — — — — — — — — — — — — —
נאָך איצט עס רופֿן איבער זיך צװײ װעלטן,
װען ס'פֿאַלן די קאַשטאַנעס פֿונעם בױם.

* * *

פאר מיר האָט עס געהייסן א גאנײדן —
דער גענעם פון מײַן ווײַטן קינדער־רײַך.
דער לעצטער אָטעם בלויז וועט מיך צעשיידן
מיט יענעם סטעזשקעלע, וואָס לויפט צום טײַך,

צום גנילאָפּיאַט, וואָס ווערט אין ווײַט פארלוירן
און גיסט ארײַן זיך אינעם הימל־בלוי.
אָט דאָרטן שטייען צוגעמאכטע טויערן,
געזאלבט פון זון, און ס׳ציט צו זיי אזוי!

אין כאָלעם זע איך זיי צעפראלט און אָפן,
און עמעץ רופט מיך: קום אהער!
נאָר אלע מאָל, ווען כ׳בין צו זיי דערלאָפן,
זיי האָבן צוגעמאכט זיך שווער.

און טרערן אין די דורשטנדיקע אויגן
פארשטעלט עס האָבן מיר די שײַן.
א ווילדע קראפט האָט מיך אהין געצויגן —
איך האָב געוווּסט: איך וועל אהין ארײַן.

און ס׳איז געשען — מיט קינדערישן גלויבן
כ׳בין צוגעפאלן צו דעם טויער מיד
און שטיל און טרוימעריש פארצויגן
מײַן ערשטע ציטעריקע ליד.

און דעמלט איז געשען א וווּנדער:
צעפּראַלט די וועלט האָט זיך געררוים,
און יעדער סטעזשקעלע באַזונדער
געפֿירט עס האָט מיך צו מײַן גרויסן טרוים.

די ווײַסע קאלע

אָט וועל איך נעמען
און דיר אָנשרײַבן א ליד.
ווער דען האָט עס פארדינט
באַזונגען ווערן?
טאָג און נאכט
עס שיט דער שניי
און שיט,
טליִען אין די שנייען
בלאָנדזשענדיקע שטערן.

אָט סקריפּעט, דאכט,
א שליטן אין דער ווײַט;
ער וואָלט פון ווייסעך־ווו
געדארפט פון לאנג שוין קומען.
מעסט זיך אָבער ניט די בענקשאפט
מיט קיין צײַט —
קלינגען ניט קיין גלעקעלעך,
נאָר בייזע ווינטן ברומען.

מײַן מילדע קאלע,
אינעם כופּע־קלייד,
אין גרינגע שיכעלעך,
אין ווײַסע זאָקן,

דורך הורבעס שניי
א ליכטיקע זי גייט,
מיט שטערן־שפּילקעלעך
אין בלאָנדע לאָקן.

זי ווייסט — עס איז שוין שפּעט,
זי ווייסט — איך וואַרט שוין לאַנג,
וועט איר דער שניי, דער ווינט
דעם וועג ניט צאַמען.
זי הערט פון ווײַט
מײַן בענקענדיק געזאַנג,
טאָר זי אינעם וועג זיך ניט פאַרזאַמען.

זי גייט, זי גייט...
איך הער שוין אירע טריט.
אָט קלאַפּט זי
אין די אָנגעפרירטע שויבן.
הינטער די פענצטער
שיט דער שניי
און שיט...
און איך,
איך שרײַב אין אײנזאַמקײַט
מײַן ליד
און וויל אליין,
און וויל, אַז איר
זאָלט אין דער נאַרישקײַט
מיר גלויבן.

אומעטום

דער זומער גייט אוועק
דורך די צעפראלטע טירן.
איך לאָז זיך מיטן וועג,
ער זאָל אליין מיך פירן.

אָט לויפט ער בארג־ארויף
און לאָזט זיך צו דער נידער,
אהין, וווּ ס׳גייען אוף
אין ציטערניש די לידער.

זיי ווארטן אינעם טאָל,
אין סאזשלקע, אין שאָטן.
זיי זײַנען אָן א צאָל
איבער דער וועלט צעשאָטן.

אין קאליוזשע פארמישט
מיט שטיקער זון זיי ליגן,
אין קוואלן אָפּגעפרישט
זיך מורמלט זייער ניגן.

אף אָט דעם עפּלבוים,
אין גאָלד פון די ראנעטן,
איך הער, זיי קלינגען קוים
אין זון־פארגאנג דעם שפּעטן.

איר זעט דאָס מיידל דאָרט,
עס שעפּטשען אירע ליפּן,
עס איז איר יעדעס וואָרט
געזיפּט דורך זיבן זיפּן.

איר הערט, עס קלינגט, עס קלינגט
אין הייכן, אין דער נידער.
איך שפּאַן מיר פֿריַי און גרינג —
עס טראָגן מיך די לידער.

דײַן געלעכטער

אין דעם געווירבל
פֿון היץ און פראָסט
האָט דײַן געלעכטער
מיך ניט פֿאַרלאָזט.

אַמאָל געצערטלט,
אַמאָל געשפּאָט
און, ווי אַ שאָטן,
באַגלייט מײַן טראָט.

נאָך דײַן געלעכטער
איך האָב געבענקט,
געוואָלט פֿאַרגעסן,
נאָר דאָך געדענקט.

עס האָט געקלונגען
און מיך פֿאַרבלענדט,
פֿון דײַן געלעכטער
איז אַלץ געווענדט.

ליבער מענטש

שיקע דריזן — אין אָנדענק

האָסט, ליבער מענטש,
מיר אָפּגעטאָן א שפּיצל,
אינמיטנדרינען,
אין אזא מין קעלט.
מיר וואָלטן בעסער
אין דער ווארעם מיט דיר זיצן,
ווי גיין באַגלייטן דיך
אַף יענער־וועלט.
אַך, פּריינט מיין גוטער,
פאָטער ליבער!
עס מאטערט מער קיין צווייפל ניט
דיין קלוגן קאָפּ,
דו ביסט די שוועל
פון אלע טעג אריבער,
די שוועל פון יענער־וועלט,
וואָס לאָזט צוריק ניט אָפּ.
מיר דוכט זיך אלץ,
דו ביסט א נארישקייט באַגאנגען,
ווי קומט עס, כאָכעם, גאָר צו דיר?
דער מאלכאמאָוועס זאָל דיין הויכן שטאָק
דערלאנגען,
אז דו זאָלסט עפענען
פאר אים די טיר?

און איך,
וואָס זאָל איך טאָן אצינדער?
וואָס קאָן שוין העלפן מײַן געשריי?
שוין אלטע לײַט —
און זײַנען פונקט ווי קינדער, —
מיר וויינען אויך, ווען ס'טוט אונדז עפּעס וויי.

איך שעם זיך ניט,
איך קאָן דאָס אָפן זאָגן:
קיין שוואכקײַט האָט מיך קיינמאָל ניט געפּלאָגט.
נאָר מענטשן קאָנען שוואכקײַטן פארמאָגן,
א כײַע אָט די מײַלע ניט פארמאָגט.

מײַן ליבער מענטש,
דו זעסט ניט מײַנע טרערן,
ס'וועט קיינער קיינמאָל זיי ניט זען.
אין מײַסעלעך דערציילט זיך,
אז נעשאָמעס ווערן שטערן,
ווי גוט וואָלט זײַן,
ווען ס'וואָלט אזוי געווען.

צוגאסט

דער גנילאָפּיאַט פּאַמעלעכן עס פּלוישט,
ווו די בערעזעס־סעדעכעס זיך סוידען.
אָט דאָרטן, ווו מײַן שטילע קינדהײַט רוישט,
וועט מײַן געלעכטער לאַנג די צווײַגן הוידען.

א זיסע בענקעניש פאַרנאַרט מיך גרינג אַהין.
איך פאַל אַנידער אין דער טיף פון די בוריאַנעז.
נישקאָשע, זאָל די קראָפּעווע זיך בריִען —
עס טוט דען ווי דער פּאַטש,
וואָס ס׳טוט א מאַמע?

עס האָבן אַלע סטעזשקעס מיך דערקענט,
זיי לויפן פונעם וועלדל מיר אַנטקעגן.
קאָן זײַן, דו ווייסט גאָר ניט,
אַז ס׳איז אין דיר געוועגדט,
וואָס כ׳האָב געלאָזט זיך
אויף די אויסגעבענקטע וועגן.

איך גיי פּאַמעלעכן
און קוק זיך אום צוריק,
צי ברענט קיין פײַערל אין דײַנע שויבן.

עס ברענט!
עס ברענט! —
ס'איז גאַנץ צו דיר די בריק...
איך גיי צוגאַסט,
איך וועל אַ קוק טאָן בלויז
דער קינדהײַט אין די אויגן.

שוואַרצע אויגן

שוואַרצע קעפּלעך קוטשעראַווע,
שוואַרצע פלוימען־אויגן זשוואַווע.
אַך, ווי ליב איר זײַט און טײַער!
פאַר דעם בליק,
וואָס בריט, ווי פײַער,
מיר זאָל זײַן פאַר אײַך.

שוואַרצע צעפּ,
פאַרדרייט ווי שלאַנגען,
צאַרטע לויטערע געזאַנגען,
שוין פון לאַנג האָט איר געפאַנגען
אין אַ נעץ מײַן האַרץ.

אַף די פּיסקעס,
באַ דײַן גאַנעק
כ׳שטיי פּאַרטײַעט,
ווי אַ גאַנעוו,
און איך וואַרט.

עפּשער וועסטו,
כ׳זאָל ניט הערן,
עפּעס זאָגן
צו די שטערן
וועגן מיר דער נאַכט.

עפשער אויסזינגען א ניגון,
מיט דער וועלט
זיך הייס צעקריגן,
צי דעם טרוים מײַנעם פארוויגן
שטיל אזוי און צארט.

שווארצע אויגן,
שווארצע ברעמען,
כ׳וועל פאר קיינעם זיך ניט שעמען
און אײַך אויסקושן די טרערן,
כ׳זאָל אײַך וויינען מער ניט הערן.

באם יאם

דעם גאנצן זומער ווין איך בא דעם יאם,
אין וואלד־שטיבל, וואָס שטייט באם ברעג דעם פלאכן.
איצט ווייס איך, אז די כוואליעס ווייִנען, לאכן,
און מיך זיי קענען אויך שוין, מינאסטאם.

איך קום צו זיי פארטאָג און שווענק אין זיי די פיס,
זיי כאפּן מיך ארום, די פלינקע שטיפער.
און איך — א שרעטעלע אין לאפּעס פון א ריז,
איך לויף אנטקעגן זיי אלץ ווייַטער, טיפער.

נאָר ס׳טרעפט אמאָל, אז מיך באפאלט א שרעק —
אָט וועט דער ריז מיך באלד פארשלינגען.
ווי ווייַט, ווי פוסט עס איז דער רעטונגס־ברעג!
אָט שליסן זיך צונויף די כוואליע־רינגען...

און דעמלט בלייַב איך ליגן אף דער וועל,
זי כאפּט מיך אף איר שויס און נעמט מיך וויגן.
די מעוועס לאכן אינעם הימל־העל,
און איך דערהער פון יאם דעם גוטן ניגון.

זיי קענען מיך, די כוואליעס, מינאסטאם,
זיי ווייסן, אז איך וועל זיך מער ניט שרעקן.
דו הערסט דעם רויש?
דאָס רופט דער יאם —
ער איז געקומען פונעם שלאָף מיך וועקן.

ה· זילבערנע
פעדעם

* * *

עפשער הײַנט וועט זי קומען, די ליד די געגאַרטע,
וואָס ליגט אפֿן גומען שוין לאַנג,
און אויסזינגען וועט זיך
דאָס מילדע, דאָס צאַרטע,
דאָס פֿרײדיק־פֿאַרטראַכטע
געזאַנג.

דער ניגון פֿון היימישע גרינע פֿאַרנאַכטן,
די שטילקײַט פֿון סומנע געקלאַנג,
דער אומרו, וואָס קוקט פֿונעם בליק פֿון פֿאַרשטאַרטן, —
און אַלץ אין געגאַרטן
געזאַנג.

עפשער הײַנט וועט זי קומען, די ליד, זיך צעשאַלן,
און פֿונקט ווי דער טוי אַף אַ קווייט,
זי וועט אין אַ האַרץ אין אַ דאָרשטיקן פֿאַלן,
וואָס לאַנג איז פֿאַר ליבע שוין גרייט.

איך ווייס, איך פֿאַרשטיי, ס׳וועט אַזוי ניט פּאַסירן,
ווײַל קאַרג איז מיר יעדער געשאַנק.
ווי נאָר כ׳וועל די ליד מיט די ליפּן באַרירן,
כ׳וועל דאַרפֿן אַן אַנדער געזאַנג.

דאָס שווערע קלומעקל

א

מײַן קלומעקל איז קליין,
נאָר שווער, אַך, שווער!
ס'איז פול מיט ריטמען און מיט גראַמען.
כ'האָב יאָרנלאַנג
אַרײַנגעפּאַקט אַהער
די שײַן פון טאָג, דעם רויש פון יאַמען.

דעם אָפּגלאַנץ פון אַ טראָפּן טוי,
וואָס קאָן אַמאָל אַ פעלדז צעשפּאַלטן,
דעם דופט פון סאַזשעלקע,
די שײַן פון הימל־בלוי
איך האָב אין קלומעקל באַהאַלטן.

איך וואַנדער אום און קלײַב —
ס'איז אַלץ מיר קאַרג,
איך זוך דאָס וואָרט,
דאָס האַרבע און דאָס צאַרטע,
אַז פאַר אַ סוינע זאָל עס שווער זײַן,
ווי אַ באַרג,
און פאַר אַ פרײַנט —
אַ בראָכע אַ געגאַרטע.

ב

וואָס וועט איבערוועגן? —
כ׳פרעג בא זיך אליין, —
מײַן קלומעקל פון פּײַן,
וואָס שווער איז, ווי א שטיין,
וואָס הענגט שוין דוירעסלאנג מיר אפן קארק
און צו דער ערד עס ציט אלץ אײַנגעשפּארט.

וואָס וועט איבערוועגן?
און כ׳ענטפער זיך אליין —
פון אייניקל דאָס פריידיקע געוויין,
וואָס איז אן אויסגעמיש פון גליק און שײַן.
דאָס וועט איבערוועגן —
אנדערש קאָן ניט זײַן.

אונטער דײַן פּאָן פון פרידן

איך לעב שוין לאנג,
איך האָב א סאך געזען,
געטרוימט, געצווייפלט
און געגאנגען ווײַטער,
און אלע מאָל,
ווען ס'איז מיר שווער געווען,
געווענדעט זיך צו דיר,
ווי צו א קוואל, א שײַטער,
ווי צו אן אָנזאָג פון געגארטן גליק,
וואָס האָט דעם מוט דערהויבן, —
און ס'האָט אין צאנקנדיקן בליק
אפסנײַ געצונדן זיך דער גלויבן.

פון בלינדן שטיבל אינעם שמאָלן ליק
(כ'האָב ביז אצינד עס ניט פארגעסן)
האָסט דורכגעלייגט פאר מיר א בריק
צו גאָר דער וועלט, פון ענגן געסל.

א גלײַכער צווישן ברידער,
צווישן פרײַנט,
כ'האָב זיך געשטעלט אין דײַנע רייען.
פיר צענדליק יאָר, און ביז צו הײַנט
אונטער דײַן פּאָן
איך האָב דאָס גליק צו גייען.

אונטער דער פאָן,
וואָס רופט די גאַנצע וועלט
דעם שאָלעם היטן.
ס׳האָט די גערעכטיקייט אליין
זיך אויך געשטעלט
אונטער דיין פאָן פון פרידן.

איך לעב שוין לאַנג —
איך ווייס, איך ווייס:
צום לעצטן טראָט
איז שוין קיין סאַך פאַרבליבן.
ס׳איז יעדער שטיינדעלע אַזוי באַקאַנט,
פּונקט ווי די זילבן,
וואָס פאַר מיין ליד האָב איך געקליבן.

איז יעדער ווינקעלע
פון דער געגאַרטער היים
מיר אייגן, ווי אַ קינד
צו ווי אַן איייניק.
מיט יעדן טאָג
כ׳הייב אָן אַלץ מער פאַרשטיין,
אַז וויפל כ׳זאָל ניט ליבן זי,
איז ווייניק.

א בריוו צו מײַנע פֿרײַנט אין ביראָבידזשאַן

ווער שרײַבט עס בריוו איצט
איינער צו דעם אנדערן,
ווען ס'איז אין שטוב
א טעלעפאָן פֿאראן?
נאָר איך וואָלט גראָד א באלן זײַן
זיך לאָזן וואנדערן
איבערן גרויסן קאנט
ביראָבידזשאַן.

ס'האָט הינטער מאָסקווע
שוין דער פֿרילינג זיך צעהוליעט,
מיט גרינעם האפט
פֿארייכערט איז דער וואלד,
נאָר ערגעץ בא א שטאם
א בערגעלע זיך טוליעט —
א בערגעלע פֿון שניי
פֿון זון זיך נאָך באהאלט.

און דאָרט, בא אײַך,
עס גייט מיסטאם די קרירע,

עס ברעכט דאָס אײַז זיך
אינעם ברעג פון טײַך,
און א צעווילדעוועטע
יאָגט די בירע,
און יובלדיק זי זינגט
פאר אײַך —
פאר מײַנע פרײַנט,
וואָס קערן נאָך געדענקען
דעם טעטערעוו,
דעם גרינעם גנילאָפּיאַט,
די שמאָלע געסעלעך,
די ליקעלעך די ענגע,
וואָס דער זיקאָרן
האָט נאָך ניט פאַראַט.

פון מאכנאָווקע,
פון ליובאר, כאשטשעוואטע,
מיט בעטגעוואנט
און מיט א הייסן בליק
געקומען זײַט איר,
דאָ געוואָרן טאטעס,
א שטוב געשטעלט
און אין דער שטוב — א וויג.

כ׳בין קיינמאָל ניט געווען
אין יענע ערטער —
אין טײַגע, וווּ די שטילקײַט
קלינגט.
אָט דאָרט האָט איר געבוירן
זין און טעכטער,
און אייניקלעך
עס וואקסן שוין אצינד.

דאָס ברויט — עס שמעקט
מיט האָניק און מיט קימל, —
וואָס שטייט איצט אף די טישן
יאָמטעוודיק געגרייט,
איז עפשער אופגעגאנגען
אונטער אייער הימל,
אין בירא̄פעלד,
און איר האָט עס פארזייט.

דעם מירמל ניט געזען
איך האָב אין בירא̄קאן נאָך.
נאָר אין די מירמל־טאָוולען
פון מעטראָ
עס שפּיגלען סאָפּקעס זיך
בירא̄בידזשאנער,
און ס'דוכט זיך מיר,
איך זע איך אויכעט דאָ.

דער מאָסקווער הימל
ווערט אלץ העכער, העלער.
אין וואלדהיים איז די ערד
שוין צייטיק אף געוויס.
עס פּרוווט זי אף דער דלאָניע
וועלוול פעלער
(מיין וויטער לאנדסמאן,
זיי געגריסט!).

יאָ, דאָרט, בא אייך,
פארשווינדט מיסטאם די קרירע,
עס ברעכט דאָס אייז זיך
אינעם ברעג פון טייך,

און א צעווילדעוועטע
יאָגט די בירע,
און יובלדיק זי זינגט
פאַר אײַך.

פריַיטיק אפדערנאכט

א פריַיטיקדיק־געצוואָגענע,
מיט סטענגעס אין די צעפּלעך,
זיצט כאנע א צעטראָגענע
באם שטיבל אף די טרעפּלעך.

עס סוידען זיך די שטערן —
זיי זיַינען דאָרט מיליאסן,
און ס׳קיַיקלען זיך די טרערן
אף איר געזיכט דעם בלאסן.

זי האָט ניט קיין כאראָטע
און האָט ניט קיין פאריבל.
איר ליבע, ווי די בלאָטע,
ז׳צעטאָפּטשעט מיט די שטיוול.

אף שטענדיק שוין צעטראָטן,
צעווייעט און צעטריבן,
נאָר ס׳גייט איר נאָך דער שאָטן
פון איינציקן, פון ליבן.

אין הויכן הימל זעט זי:
די שטערן לאכן, ווינקען...
אים אף צולאָכעס וועט זי
אין גנילאָפּיאט זיך טרינקען.

און זאָל ער זיך דאָרט פרייען,
און פּרוּוון עס פאַרגעסן,
ווי זיי זײַנען אײַנצווייען
דאָ אפן ברעג געזעסן.

* * *

ווי דו שטייסט און דו גייסט,
כ׳וועל, מײַן לעבן, דיך נעמען,
כאָטש איך ווייס און דו ווייסט,
אז איך נעם זיך דעם גענעם.

נאָר ווײַזט אויס, ס׳איז באשערט —
איז ניטאָ וואָס צו ריידן.
ס׳וועט דער גענעם, דו הערסט,
פאַר מיר זײַן א גאניידן.

די קאטאָרזשאנקע

שפּעט באנאכט.
עס פאלן שטערן,
און עס שלאָפט זיך ניט.
ערגעץ זינגט מען,
וואָלט איך שווערן,
א באקאנטע ליד.

פון א שמידער
און פון קייטן,
פון א קאטאָרזשאן...
...ביז סיביר
איז אים באגלייטן
כאנקעלע געגאן...

כאנקע, כאנעלע,
מײַן כאנע,
אויב ביסט נאָר פאראן,
זאָלסטו וויסן,
כ׳בין מעקאנע
יענעם קאטאָרזשאן.

כ׳וועל שוין אָט די נאכט
ניט שלאָפן,
נאָכשפּירן נאָך דיר,

ווי דו ביסט
נאָך אים געלאָפֿן
באָרוועס קיין סיביר.

וויין ניט, ליבע,
צאַרטע, שלאַנקע,
כ׳ווייס, ווי ס׳איז דיר
שווער.
ס׳איז דער נאָמען
קאַטאַרזשאַנקע
הייליק,
ווי דייַן טרער.

שפּעט באַנאַכט,
ווען ס׳פֿאַלן שטערן,
קומסט צו מיר צו גיין.
קיינער קאָן מיר ניט
פֿאַרווערן,
זעען זאָל איך
און זאָל הערן,
וואָס איך וויל אַליין.

דער שידעך

אין שטוב זײַנען אלע
געשמאק נאָך געשלאָפן,
ווען שיינדעלע איז
מיטן שאָלטיק אנטלאָפן.

באטאָג און באנאכט
ניט געלאָזט זי צורו,
געגאנגען נאָך איר,
ווי א קאלב נאָך א קו.

פארדרייט איר דעם קאָפּ,
פארמאניעט, פארנארט,
אנטרונען, אנטלאָפן
אינמיטן דער נאכט.

אז ווייי איז דער מאמען,
א בראָך צו די סאָנים.
א ביזע־ביזאָיען
באװײַזן דאָס פּאָנעם.

נאָר אויב עס באקלערן,
איז וואָס איז דער ראש?
אזעלכע, ווי ער,
מע געפינט ניט אין גאס.

א קלוגער, א שטאלטנער —
א באָכער מיט ביינער.
אויב זאָגן דעם עמעס —
א פײַנער, א שיינער.

און ווילט איר, איז
שיינדעלע
פּאָשעט גערעכט.
ווע‏מען, איך בעט אײַך,
געטאָן האָט ער שלעכטס?

ווייניק געלערנט?
דעריבער איז וואָס?
אקערן וועט ער
די ערד מיט דער נאָז,

און טראָגן זי שטענדיק
ער וועט אױף די הענט.
זײַן טאטן דעם פורמאן
ווער האָט ניט געקענט?

אוועק אױף מילכאָמע,
געלאָזט פערד־און־בײַטש,
געשלאָגן, גענעריקט
דעם גאזלען, דעם דײַטש.

א יאָסעם געוואקסן
דער איינציקער זון,
ווער האָט ניט געהערט
אױף די פּיסקעס דערפון...

אויב זאָגן דעם עמעס,
אויב ריידן צוריק —
איז זאָלן זייביידע
שוין לעבן אין גליק.

קלעזמער, שפּילט אויס מיר
א פריילעכס, א שער
און ברענגט מיר מײַן
טאָכטער,
מײַן איידעם אהער.

זאָגט זיי: די מאמע
איז מער ניט אין קאס.
שפּילט מיר א פריילעכס
אינמיטן דער גאס.

ווער זאָגט, אז דער איידעם
איז מיר ניט קיין פּאָר?
א באָכער מיט ביינער,
אף מיר אזא יאָר!

די אלמאָנע גיטל

אז מאָנטיק גייט א רויך
בא גיטלען פונעם קוימען,
ווייסט מען אף די פּיסקעס —
די אלמאָנע קאָכט היינט א קוליש;
ווייסט מען,
אז סע זיצן שוין די קינדער
ארום טיש,
אז זי דערציילט זיי וועגן טאטן,
וועגן שלוימען,
וואָס האָט אמאָל געבראכט פאר זיי
פון טשערעמיש
געפּרעסטע פלוימען
און א שקארמיץ קישמיש.

די אלמאָנע טוט די ליפּן זיך א וויש
און הערט ניט אוף צו ריידן.
עס קוקן איר די קינדער אינעם מויל
און ס'דוכט זיך זיי,
אז דער קוליש
איז טאם־גאניידן,
זיס, ווי דער קישמיש,
ווי די געפּרעסטע פלוימען,
וואָס דער טאטע זייערער,
דער פורמאן שלוימע,

האָט געבראכט אמאָל
פון טשערעמיש.

און אפן פריפעטשיק
עס טליִעט נאָך א האָלאָוועשקע,
די קינדער כליעבטשען,
א שטערן קוקט אין שויב.
עס שלענגלט זיך די מײַסע,
ווי א קישעף־סטעזשקע,
און יעדער וואָרט
איז ווי א גוטע טויב,
וואָס הערט ניט אוף צו וואָרקען.
און הערצלעך פינף
עס טיאָכקען,
טיאָכקען,
טיאָכקען...

און די אלמאָנע טוט אין טאָפּ א מיש,
ווישט אויס די הענט אין קליידל,
אוי, האָבן זאָל ער דאָרט א ליכטיקן
גאניידן —
דער פורמאן שלוימע,
פאר די געפרעסטע פלוימען,
פארן שקארמיץ קישמיש,
פארן קוליש
און פאר די קינדערס יאָמטעוודיקע טרוימען.

באם פלויט

באם גנילאָפּיאַט, ניט ווײַט פון דער לעוואַדע,
ביז צו די אַקסל ציט זיך דער בוריאַן.
אָט דאָרט האָט איר געזען, אוואַדע,
פון ליים א שטיבעלע — די גרייס א שפּאַן.

אין שקיִע האָט געבושעוועט דער הימל,
מיט פאַרבן פון פאַרגאַנג געשפּילט.
אין שטוב פאַרשלאָגן האָט דער טאַם פון ברויט מיט קימל —
ס'האָט נאָך פון אויוון זיך ניט אויסגעקילט.

די מאַמע שטייט באַם פלויט, די דלאָניע באַ די אויגן,
און שאָקלט צו פּאַמעלעך מיטן קאָפּ.
א מוטנע טרער האָט איר דעם בליק פאַרצויגן,
אָט פאַלט זי פון דער וויִע באַלד אַראָפּ.

אַף וועמען זאָל זי האָבן איצט פאַריבל?..
מיט די בודיאָנאָוועצעס איז ער אַוועק אין שלאַכט.
זיי האָבן דורכגערײַט פאַרבײַ איר שטיבל,
אין שטייט זי באַ דעם פלויט און וואַרט.

פאַרנאַכט, ווען ס'קישעפּט אין דער הייך די שקיִע,
די מאַמע גייט אַרויס און קוקט אין ווײַט.
איר ווײַזט זיך אויס, ווען ניט די שוואַכע ריִע,
וואָלט זי געזען, ווי ער רײַט...

פונקט ווי א דעכעלעֿ, די דלאָניע בא דעם שטערן,
עס שטייט די אלטיטשקע און וואַרט באם פּלויט.
די שקיִע צינדט זיך אָן אין אירע טרערן
און ווערט פארלאָשן דאָרטן בלוטיק־רויט.

הירשל דער צירולניק און די וואזאָנעס

הירשל דער צירולניק טאנצט,
אז די וואזאָנעס טרייסלען זיך אזש
אפּן פענצטער.
דער שטערן גלאנצט,
דאָס פּאָנעם בלאס,
נו, איז וואָס, אז ער איז ניט דער שענסטער?

דערפאר פארמאָגט ער שטארקע, פלינקע פיס,
ער קוקט אף זיי און טופּקעט גיכער, גיכער.
אָט טוט ער זיך פון אָרט א ריס
און טראָגט זיך צווישן אוילעם, ווי א וויכער.

ער ווייסט, אז כאָטש אין ווינקעלע זי שטייט
און מאכט זיך קלוימערשט, אז זי זעט ניט,
צעגייט דער קאס אין איר, ווי שניי צעגייט, —
די אויגן אירע רעדן, כאָטש זי רעדט ניט.

און נאָכדעם האָט ער זי געפּאקט אין קיך
זיך פּאָרען בא דעם פלאמענדיקן אויוון,
און פוצנדיק מיט א געוואנט די שיך,
האָט ער אראָפּגעלאָזט די אויגן

און שטיל געזאָגט:
— גיטעלע, אויב איַך געפעלט עס ניט,

טאָ וועל איך מער ניט טאַנצן... —
און זי האָט זיך די פינגער אָפּגעבריט
און אים פון קיך ארויסגעיאָגט אינגאַנצן.

וואָס גייט איר אָן? זי טראַכט גאָר ניט דערפון!
וואָס האָט זי דען באַ אים עס פאַר אַ דייע?
נאָר הירשל איז אַן אַקשן, און אין אַ יאָר אַרום
זיי האָבן אינעם אַלקערל געוויגט דעם זון אינצווייען.

און איצט האָט גיטעלע אַ בריוו פון דעם שפּיטאָל —
מע האָט אַ פוס איר מאַן אַראָפּגענומען...
קוקט זי אַפן פענצטער, און מיטאַמאָל
כאַפּט גיטעלע דאָס טעפּעלע מיט בלומען

און רעדט צו דער וואַזאָנע מיט געוויין:
— ווען ער פלעגט טאַנצן, פלעגט איר אויכעט שפּרינגען.
איצט שטייט איר דאָ פאַריאָסעמטע אַליין.
אַ בראָך צו היטלערן מיט זײַנע יונגען!

זי נעמט אַראָפּ זײַן קאַרטע פון דער וואַנט,
איר הירשקע קוקט פון רעמעלע דעם שוואַרצן.
איין פוס זײַנעם פאַרשטעלט זי מיט דער האַנט
און טוליעט שטאַרק דאָס קאַרטעלע צום האַרצן.

זי שעפּטשעט שטיל, און טרערן אין די אויגן גלאַנצן:
— אַבי דו לעבסט, וועל איך פאַר דיר שוין טאַנצן.

דער פידלער אין די וואַלקנס

דינע פינגער,
גראָווע לאָקן,
מיט א פידל אין די הענט,
שוועבט אין וואָלקנס אום א זאָקן —
ס'איז זײַן בליק
פארשטארט, דערשראָקן —
אָט וועט אים דער פלאם פארלאָקן,
וואָס אין שקי̇ע ברענט.
כ'קוק זיך אײַן —
ס'איז ער, כ'מעג שווערן,
שוועבט אין הייכן צווישן שטערן,
יאָ, כ'האָב אים דערקענט.

מיט זײַן פידעלע זײַן דינעם
פלעגט דער אלטער פידלער שפינען
מײַסעלעך, וואָס ריזלען, רינען
פונעם הארצן צו דעם זינען,
מאכן צארט אונדז, ריין.
ווו א כאסענע פלעגט יידל
הייליק מאכן מיט זײַן פידל,
און געיובלט, און געפרייט זיך
האָט איעדער שטיין.
און דער קאלעס שטילע טרערן
פלעגן פינקלען, ווי די שטערן,
און די שטערן פלעגן הערן,

ווי עס שפּילט רעב ייִדל —
ייִדל מיטן פידל...

דינע פינגער,
פּאַטלעס — לאָקן,
מיטן פידל אין די הענט,
שוועבט אין וואָלקנס אום דער זאָקן —
כ׳האָב אים גוט געקענט.
ייִדל, ייִדל מיטן פידל,
כ׳ווייס, איך ווייס עס גוט,
ס׳האָט דער מערדער דיך דערשאָסן,
איז אין שקיִע זיך צעפלאָסן
דײַן אומשולדיק בלוט.

שוועבט אין וואָלקנס אום דער ניגן
פון דײַן צויבערדיקן פידל,
און די פינקלדיקע שטערן
דײַן נעגינע פאָרכטיק הערן.

פונוואנען זאָל עס די לעוואָנע וויסן

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל —
וואָס האָט פּאַסירט,
זי קאָן עס ניט פאַרשטיין:
נעכטן איז דאָס פּאָרל דאָ געזעסן
אין שאָטן פון דער ליפּע אף א שטיין.

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל,
קוקט אין שויב צו כאַימקען אריַין —
שוין זשע האָט ער ראָכעלען פאַרגעסן?
עס קאָן ניט זיַין!

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל,
שטעלט זיך אָפּ באַם שוועל פון ראָכלס טיר.
ס׳איז אָפּגעדרייט די קליאַמקע מיטן שלעסל, —
אווו איז ראָכעלע,
וואָס איז מיט איר?

בלאָנקעט די לעוואָנע אינעם געסל,
נאָר קיינעם זעט מען ניט,
ס׳איז פּוסט ארום,
אָט באַלד וועט זי די זון פאַרלעשן —
און אַלץ איז שטום.

פונוואנען זאָל עס די לעוואָנע וויסן
(ס'איז געשען אין לויטערן פאַרפרי) —
דאָס גאַנצע געסל מ'האָט אָוועקגעפירט צעשיסן
אין געדיכטן וואלד פון פּאָנארי.

קינדער דאַרפֿן רויִק שלאָפֿן

מיר האָט געכאָלעמט זיך —
אַ קינד אין שניי,
פּונקט ווי מײַן אייניקל —
מיט שרעקעוודיקע אויגן.

אין ווײַסער פּראָסטיקײַט
אַ גרויליקער געשריי
פֿון ווײַטן איז צו מיר דערפֿלויגן.

עס לויפֿט און שרײַט,
עס ציטערט אַזש די לופֿט,
דאָס בלוט אונטער דער הויט
איז קאַלט געוואָרן.
— זיידע!
זיידע! —
הער איך, ווי ער רופֿט.

אַ קינד אין פֿעלד —
אַז וויי צו מײַנע יאָרן!

אין ווײַסער שנייִקײַט
הילכט דורך אַ שאָס,
מיר דוכט זיך אויס:
דער הימל פֿאַלט אַנידער.

איך לויף
און ווייס גאָרניט, פאַרוואָס
אַן איימע האָט פאַרקאָוועט מײַנע גלידער.
מיר האָט געכאָלעמט זיך —
א קינדערשער געשריי.
ניט בלויז אין כאָלעם
איז אַזוינס פאַרלאָפן...
קינדער דאַרפן שפּילן זיך אין שניי,
קינדער דאַרף מען לאָזן רויִק שלאָפן.

אַן מאַטאַנעס

איך וועל פון דער לעוואַנע
דיר ברענגען א מאַטאַנע —
א שטיינדעלע,
א הרודקעלע,
א הויפנדל פון אש.
אוואדע ז'א סאקאַנע
גיין צו דער לעוואַנע,
פאראן אָבער אן אייצע —
א טראָפן שטארקער יאש...

נעם איך מיר דאָס שטעקעלע,
און צום לעוואַנע־שטעגעלע,
וואָס ציט זיך מיטן יאם אוועק,
איך גיי.
        איך שטיי
באם יאם א רעגעלע,
באם גינגאָלדענעם וועגעלע,
וואָס לויפט צו דער לעוואַנע
גלייַך פון ברעג.

נאָר ווארט נאָר, מייַן נעכאָמעלע,
ווי לאָזט מען דיך, נעשאָמעלע,
ווי גייט מען הענדעם־פענדעם
גאָר אוועק?

ווײַל גיין צו דער לעוואָנע,
אך, איז א סאקאָנע,
און ווייסטו כאָטש, מײַן שוועלבעלע,
פארוואָס?

ביז כ׳וועל צוריק זיך קערן
מיט א בראָשקעלע — א שטערן,
קאָן איך נאָך, מײַן קעלבעלע,
בלײַבן מיט דער נאָז.

כ׳וועל צוווארטן, מײַן פישעלע,
א קאפעטשקע,
א ביסעלע,
כ׳וועל נאָר דעם גומען אָפּפרישן,
נאָר אײַנעצן די ליפּ
און פרעגן אָן טארומעס:
אָן שטערן, אָן לעוואָנעס,
אָן בראָשקעס, אָן מאטאָנעס
וועסטו מיך האָבן ליב?

דער שמיד

איך האָב געקענט
א ייִד א שמיד —
א פּראָסטער ייִד,
א פּראָסטער שמיד
מיט הענט מיט שטאַרקע,
שווערע.
ס׳האָט אין זיקאָרן זיך פאַרהיט
דער קאָוועל בערע.

זײַן טאָכטער סאָרעלע
כ׳געדענק.
דאָס טונקל מיידעלע
דאָס שטילע,
די שאבעס־צעפּלעך,
ווי די שלענג,
איר גענגעלע
אפילע.

דאָס שענסטע מיידל אינעם ליק —
געראָטן, דורכגעטריבן.
פאר איר א קוק,
פאר איר א בליק —
מ׳האָט זיך געקענט פאַרליבן.

אין קוזניע בא דעם אלטן שמיד
א וויגעלע ז׳געהאָנגען.
ער האָט זײַן אייניקל געוויגט
און שטיל געזונגען דעם א ליד:
„די מאמע איז אין מארק געגאנגען"...

כ׳האָב ליב געהאט
דעם ייִד דעם שמיד,
מיט הענט מיט שטארקע,
שווערע.
פאראקשנט האָט ער
און געניט
דעם אייניק אײַנגעקנעלט
זײַן לערע.

און זײַ א בעריע,
דריי זיך אויס,
אז ס׳שטייט דער בלאָזזאק
באַם צוקאָפּן.
ער איז אין זיידן, לאָזט זיך אויס,
געראָטן, ווי צוויי טראָפּן.

איך קען דעם אייניק —
אויך א שמיד,
א פּראָסטער, ווי דער זיידע.
דאָס אײַזן אין דער האָרניע גליט,
נאָר אנדערש קלינגט
זײַן נײַע ליד...

. . . .
איך גרויס זיך מיט זיי ביידע.

א לידעלע

אז מיר פלעגן גיין שפּאַצירן
צו דער נײַער בריק,
פלעגט אונדז די לעוואָנע פירן
הין־און־צ׳ריק.

ביסט געגאַנגען און געשוויגן,
ס׳האָט גערעדט דײַן בליק.
וויג איך איצטער שטיל דאָס וויגל
הין־און־צ׳ריק.

בענקסט אוואדע, מײַן געטרײַער,
נאָך דײַן זון, דײַן גליק.
פון ארמיי וועסט זיך באפרײַען,
קומען גיך צוריק,
דעמלט וועלן מיר אינדרײַען
גייען צו דער בריק
הין־און־צ׳ריק.

ט. מײַן אַלטער זיקאָרן, מײַן גוטער זיקאָרן

לירישע פּאָעמעס

מײַן אלטער זיקאָרן

א

עס איז נאָך קײן פֿויגל
געבוירן געוואָרן,
וואָס פֿליִען ער זאָל,
ווי מײַן אלטער זיקאָרן.

פֿאַראָסטעטע שלעסער,
פֿאַריגלטע טירן
צעפּראַלט ער און נעמט זיך
דורך יאָרן מיך פֿירן.

וווּהין וועט ער ברענגען מיך,
קאָן איך ניט וויסן —
ער האַלט אין געהײמניס
זײַן גאָלדענעם שליסל.

איך זאָג ניט קײן דײעס,
איך וועל זיך ניט ווערן
און וועל, ווי א בלינדער,
אים פֿאָלגן, אים הערן.

אָט לאָזן אראָפּ זיך
די אויגן די מידע,
און ס'עפֿנט דאָס האַרץ זיך
פֿאַר טפֿילע און ווידע.

און פונקט ווי אין קישעף,
וואָס ווייסט פון קיין צאַמען,
דערזע איך, אַ ייִנגעלע
שפּאַנט מיט דער מאַמען.

וואָס וויינט ער, דער באָכער,
וואָס האָט זיך געטראָפן?
פאַרוואָס איז זײַן פּאָנעם
געשוואָלן, פאַרלאָפן?

מיט קראָפּעווע האָט אים
דער שאָכן געשמיסן —
ער האָט אין זײַן גאָרטן
הײַנט עפּל געריסן.

אין עפּעס אַ פינצטער,
פאַרכווישעכטן ווינקל
אין עלנטער קאַנעץ
געטאָן האָט אַ פינקל.

אהאַ, ס'איז דאָך ווידער
דאָס זעלביקע ייִנגל!

ער זיצט מיט אַ בוך
בײַ דער שײַן אָנגעבויגן,
און בלוילעך עס לײַכטן
בײַ אים מײַנע אויגן.

אַ שמייכל עס כאַפּט זיך אַרויף
אויף די ליפּן,
אַ וואָרעמע טרער אינעם האַלדז
הייבט אָן שטיקן.

אָ, זאָל ער, דער קישעף,
א ווײַלינקע דויערן —
מע מעג דאָך אמאָל
אויך א קאפעלע טרויערן.

ב

פארמאך איך די טירן,
פארוק איך די שטאָרן.
זאָל קיינער ניט קומען הײַנט,
כוץ מײַן זיקאָרן.

ווער גייט עס אנטקעגן?
דער טאטע, כ׳מעג שווערן,
ער טראָגט אפן אקסל
א קאסטן א שווערן.

אין קאסטן א קעלניע,
א האמער, א זעגל —
ס׳מוליארסקע געצײַג
איז זײַן גוטס און פארמעגן.

ער גייט צו דער ארבעט.
ס׳איז פרי, און א ווינטל
וועקט אוף דאָס פארטרוימטע,
פארכאָלעמטע יינגל,
וואָס בלאָנקעט פון הינטן.

ווער איז דאָס?
איך קען דאָך דאָס מאָגערע יאטל,
וואָס שפאנט צו דער ארבעט
פארטאָג מיטן טאטן.

די אויערן מײַנע כ׳דערקען,
די טשופרינע,
די דינינקע הענטלעך,
די פיס מײַנע דינע.

איך זע זיך א קינד
אינעם שפּיגל פון יאָרן.
א דאנק דיר, מײַן אלטער,
מײַן גוטער זיקאָרן.

ג

דאָס פענצטער אין סעדל
איז ווידער הײַנט אָפן,
ווער איך שוין בעמיילע
ניט ווערן אנשלאָפן.

אין פינצטערניש
האָבן די פידלער די גרילן
פון אלע שפּארונעס
גענומען מיר שפּילן.

א באָרוועסער בין איך אראָפּ
פונעם בעטל,
אנטלאָפן צום הויף
מיט די בלאָווע שטאכעטן.

אין שטיבל, וואָס שטייט
אין דער טיף פונעם געסל,
אין סעדל פון ווײַנשל —
דאָרט וווינט מײַן פרינצעסן.

איך ווייס ניט איר נאָמען,
איך רוף זי באשערטע.

און זאָל זי מיך שטראָפֿן
דערפֿאַר, מײַן גערעכטע.

דאָס פֿאַרהענגל טוט זיך אַ ריס,
ווי אַ פֿליגל.
פֿון אָפֿענעם פֿענצטער
דערטראָגט זיך אַ ניגון.

ער רופֿט און ער מאָנט —
עס באַפֿאַלט אַזש אַ ציטער.
וואָס קלאָגסטו, מײַן טרוים,
אַזוי טרויעריק־ביטער?

דו האָסט ניט געוווּסט
און דו וועסט שוין ניט וויסן —
באַם באָרוועסן פֿרינץ
האָט דאָס האַרץ זיך צעריסן.

כ'האָב אויך ניט געוווּסט —
ניט געקענט האָב איך וויסן, —
אַז ס'ציט זיך מײַן בענקשאַפֿט
פֿון אָדאָם־האָרישן.

געמיינט, אַז מיט מיר נאָר
אַזױנס האָט געטראָפֿן,
און אַלץ נאָר דערפֿאַר,
וואָס דאָס פֿענצטער איז אָפֿן.

נאָך איצטער עס טרעפֿט,
ווען עס ווערט אַלץ דערעסן,
שווימט אויף פֿאַר די אויגן
דאָס סעדל, דאָס געסל.

א פינצטערע נאכט
און א שטיבל באַם פּאַרקן...
איצט ווייס איך געוויס,
אַז געדאַרפט וואָלט איך וואַרטן.

ד

איך שפּאַן מיטן איייניק,
מײַן קאָפּ איז א גראָווער.
איך שפּאַן מיט מײַן צוקונפט,
און ער מיט זײַן אָווער.

ער גלייבט ניט, מײַן בלאָנדער,
ער מיינט, ס׳א קאַטאָוועס —
ווי איז עס זײַן זיידע
געגאַן אַמאָל באָרוועס?

געזונגען באַם שײַטער
מיט די פּיאָנערן?
יאָ, בלאָנדעלע מײַנס,
דו ווילסט, וועל איך שווערן, —
און ס׳טוט זיך די דלאָניע
א צי צו דעם שטערן.

געווען איז דײַן זיידע
א יאַטל א כוואַטקע,
געוואַקסן באַם ברעג
פונעם טײַך גנילאָפּיאַטקע.

אָט שווימט דאָרט א שיפל —
עס טוט זיך א בויטע.
עס זוכן צוויי ייִדן
די ייִדלעך די רויטע.

— היי, טשויעשו! —
עס רופט אין פארצווייפלונג
ביניאָמין
(דו האָסט גאָר, מײַן קינד,
ניט געהערט אזא נאָמען).

ביניאָמין־האשלישי
הייסט אָט דער וואנדערער,
סענדער די ייִדענע
רופט מען דעם אנדערן.

שלימאזלען און טרוימער
געווען זײַנעןביידע.
עס האָט אין דער רײַזע
געשיקט זיי דער זיידע.

רעב מענדעלע הייסט ער,
דער ייִדישער קלאסיקער,
א גאָען, א כאָכעם,
א שארפער, א בײַסיקער..

איך שרײַ אין די דלאָניעס:
— היי, טשאָלאָוויטשעו!
ווּהין, זאָגט, איך בעט אײַך,
אײַלט מען זיך איצטער?

און ס'ענטפערט ביניאָמין:
— מע אײַלט זיך קיין יאלטע,
מע דארף דאָך א הייל טאָן
די ביינער די אלטע.

ה

בישכיינעס באם טײַך,
בא די הויכע טשערעטן,
געוואקסן עס איז
א פּאָעט פון פּאָעטן.

מײַן כאווער געווען איז ער —
מאָטעלע הארצמאַן.
אוועק אפן פראָנט
און געפאלן, ווי שווארצמאַן.

קאָן זײַן, ס׳איז געווען
אין באגינען אין קלאָרן.
דאָ קאָן מיר ניט העלפן
מײַן אלטער זיקאָרן.

איך בין ניט געשטאנען
באם גויסעס געבויגן,
ניט צוגעמאכט אים
די פארגליווערטע אויגן.

איך ווייס ניט דאָס אָרט,
ווו זײַן בלוט איז פארגאָסן,
דערפאר אָבער ווייס איך,
ווער ס׳האָט אים געשאָסן.

דערפאר אָבער ווייס איך,
ווי ס׳פאלן פּאָעטן.
קיין בלײַ און קיין האק
קאָן דעם קאָפּ זיי ניט פלעטן.

דער קאָפּ, וואָס געבוירן האָט
לידער, געזאַנגען,
מע קאָן ניט פאַרשנײַדן,
ווי פּאָשעטע זאַנגען.

געזאַנג האָט א טיקן,
א ליד איז אן אקשן —
מע אקערט זי אויס,
און זי נעמט ווידער וואקסן.

קאָן זײַן, אז מײַן פרײַנט
איז געפאַלן אין קאָרן,
צי עפּשער באַם דניעפּער
געפּלאַצט האָט זײַן צאָרן,

געפּלאַצט, און ער האָט
אפן פײַנט זיך געוואָרפן...
— — — — — — — — — —
ער ליגט קעגן הימל,
וואָס בלוי איז און אָפן.

אָט לאָזן אראָפּ זיך
די שטראַלכלעך פון וויִעס,
נאָר ס׳שוועבט אף די ליפּן
זײַן ליד פון געוויִעס.

ו

די ערד איז צעטאָפּטשעט,
ס׳איז קיִעוו אין שקיִע.
אין טאָל אף פּאָדאָל
הענגט א מענטש אף א טליִע.

אין טליִעס די ערד
און דער הימל פון קיִעוו.
(האָפּשטיין האָט געגראַמט אַמאָל
קיִעוו מיט איִעוו).

אָט הענגט דאָרט אין הימל
א ייִד, ווי מײַן טאַטע,
מיט נאַקעטע פּיס,
אויפן הארצן א לאַטע.

פיר אויסיעס שרײַען.
פיר גאָטישע — «jude»
מע האָט דאָך מײַן טאַטן
גערופן אויך יודל...

און דאָרט פונעם סעדל
מיט בלאָווע שטאַכעטן
מע טרײַבט מײַן פרינצעסן:
— אין געטאָ, אין געטאָ!

די קינדער די קליינע
מע שלעפּט פון די בעטן,
די מאַמעס, די זקיינים:
— אין געטאָ, אין געטאָ!

פון פרי, פון באַגינען
ביז אָוונט דעם שפּעטן
מע טרײַבט מײַנע ברידער:
— אין געטאָ, אין געטאָ!

כ'פארשטעל דאָס געלעגער,
ווו ס'שלאָפט איצט מײַן אייניק, —
דער מוילעך מאָנט בלוט —
ס'איז אים ווייניק, נאָך ווייניק.

צעפּראַל איך די פענצטער,
צערוק איך די שטאָרן.
— געגנוג שוין, געגנוג שוין! —
איך טרײַב דעם זיקאָרן.

ז

הײַנט איז א רו־טאָג,
און מאָרגן — א צווייטער.
כ׳וועק אוף מײַן אייניק —
מײַן יונגן באַגלייטער.

די סקי אף די אקסל —
זאָל בלאָזן און ווייען,
מיר לאָזן צום וואלד זיך,
אין שנייען אײַנצווייען.

עס סקריפּען די סאָסנעס,
די יאָדלעס זיך נויגן,
א בלויליעכער פאָרהאַנג
די ווײַט האָט פארצויגן.

און אקשן א פּיקהאָלץ
עס דויבלט די קאָרע —
א ווערעמל האָט ער
דערשפּירט דאָרט, א סוואָרע.

איך פלײַס זיך דעריאָגן
מײַן שרעטל, מײַן שנעקל,
ער לאַכט, און זײַן קאָל,
ווי א זילבערן גלעקל,

צעבויטעט די שטילקייַט,
די ווייַסקייַט, דעם גליווער.
איך לאָז זיך פון בארג,
לאָז דעם אָווער דאָ איבער.

הייַנט איז א רו־טאָג,
און מאָרגן — א צווייטער.
דער וואלד איז אין זילבער
פון שניי א באקליידטער.

מײַן טפילע

שמועל גאָרדאָנען

מײַן טפילע צו דעם װאלד איז איצט געװענדט,
מײַן טפילע צו דעם װאלד
דעם מעכטיקן,
צום גיבער פון דער ערד — דעם דעמב,
צו דער בערעזע צו דער פּרעכטיקער.

מײַן טפילע צו דער סאָסנע,
צו דער יעל,
װאָס האלטן אױף די קרױנען לײַכט דעם הימל,
װאָס װערן גרינער נאָך,
װען ס'איז ארום שױן געל, —
מײַן טפילע צו דעם װאלד,
מײַן הימן.
צו יעדן קוסטיקל, צו יעדער בלאט,
צו יעדן צװײַגעלע,
צום שאָטן־פלעק אפילע,
װאָס האָבן קײן געהײמניס ניט פאראט —
צו אלעמען צו זײ מײַן טפילע.

פונקט װי א מאמע, האָסטו אױסגעשטרעקט די הענט
און אין די אָרעמס זײ געטרײַ פארשלאָסן,
װען זײער הײם האָט װי א ליכט געברענט,
װען זײער בלוט עס האָט די ערד פארגאָסן.

האָסט פון דער קויל פארשטעלט זיי
און פארהיט,
באשאָטנט מיט דײַן צווײַג א קינדערש וויגל.
באם זון־פארגאנג, ווען יעדער בלעטל גליט,
ארומגעקרײַזט זיי אלע אין אן איגל.

דער שלענגלדיקער שטעג,
וואָס אין דײַן טיפקײַט פירט,
איז פאר דעם סוינע שטרענג געווען פארבאָטן,
דער פרילינג האָט, ווי שטענדיק, דיך באצירט
מיט גרינע פרענדזעלעך,
מיט האפט פון שאָטן.

די כאשכעס פון דײַן טאָג איז ניט געווען קיין שטראָף,
זי האָט געשפרייט זיך אף דעם מאָך דעם פרישן,
פאר מוירדים איז געשמאק געווען דער שלאָף
אף נאָדל־טעפיכער,
פונקט ווי אף ווייכע קישנס.

אין דײַן געדיכטעניש פארהיט האָסט יעדן סאָד,
קיין פויגל ניט געטאָרט עס האָט אים הערן.
פארנעם מײַן בענטשונג פארן גרויסן גנאָד,
מײַן בענטשונג פאר דײַן אָל דעם שווערן.

מײַן טפילע כ'האָב געווענדט צו דיר דערפאר,
ווײַל ביסט מײַן פאָלק געשטאנען אין די נויטן.
כ'געדענק, כ'געדענק דעם בלוטיקן פאָנאר,
דעם מוירעדיקן וואַלד דעם טויטן.

די ביימער, וועלכע שטייען אויסגעדארט,
זיי זײַנען אויסגעשטאָרבן
אָט אין יענער שקיִע,
ווען ס'האָט דער מערדער אײַלנדיק געמאכט
אף צווײַגן זייערע א טליִע.

ניט שולדיק איז דער וואַלד, איך ווייס,
פאַר צאָרנדיקע ביימער־טליִעס.
פאַרנעם מײַן טפילע,
זי איז בלוטיק הייס —
פון האַרצן קומט זי אָן שום צוויִעס.

קלוג איז דער בוים

א. מע דארף דעם בוים ניט טשעפּען

מע דארף דעם בוים ניט טשעפּען,
און זאָל ער וואקסן גרין,
זאָל זיך אמאָל פארטשעפּען
א שטערנדל אין אים
און דאָרטן שעמערירן
אין קרוין — אין גרינעם קאָפּ
און עס קאיאָר פארלירן,
ווען ס׳הייבט זיך אָן דער טאָג.

ווען עמעצער נעמט האקן
דעם ערשטן דעמב אין וואלד,
א קרעכץ טוט א געשמאקן:
— איצט האלט זיך, אלטער, האלט! —
און כאפּט די האק די קרומע
און טוט א שפּײַ אין האנט,
הייבט אָן דער וואלד צו ברומען
און ס׳ווערט אין וואלד
א גוואלד,
די זון אנטלויפט פון הימל,
אין וואָלקנס זיך באהאלט.

ווען עמעצער נעמט האקן
דעם צווייטן בוים באם ראנד,

באדארף מען גיכער פאקן
דעם גאנעוו בא דער האנט...

דו הערסט —
די פויגלען וויינען,
ס'איז זייער נעסט צעשטערט,
די הויכע שטערן מיינען —
דער הימל פאלט צו דר'ערד.

ב. יאָרצײַט

טשעפּע ניט דעם בוים,
דו קאָנסט, כאָלילע,
אָפּטרייסלען דעם גרינגן שניי
פון צווײַג.
דו הערסט דען ניט
זײַן שטילע
טפילע?
איז מאך קיין שפּאן,
בלײַב שטיין
און שווײַג.

דער גאנצער וואלד
פארהאלט
דעם אָטעם,
עס רירט קיין נעדעלע
ניט אָן
דער ווינט.
בא יעדער שטאם
פארגליווערט ליגט דער שאָטן —
עס האָבן מערדער דאָ פארשאָטן
מײַן לייעלען, מײַן קינד.

מײַן לייעלע...
זי וואָלט א קאלע
שוין געוואָרן איצטער.

שטייען די בערעזקעס
אין א ראָד געדיכט.
די יאָדלעכלעך
אין הויכע מיצלעך
האלטן, ווי די לײַכטער,
ווײַסע ליכט.

ס׳איז יאָרצײַט הײַנט,
און קיינער קאָן ניט שווערן —
עפשער האָט זיך לייעלע
פארטײַעט צווישן זיי
אין ראָד פון די בערעזקעס.
דאָס קלייד פון ריינע פערל
ס׳האָט אויסגעהעפט פאר איר
דער פראָסט פון שניי.

טאָ טשעפּע ניט דעם בוים,
דו קאָנסט, כאָלילע,
אָפּטרייסלען דעם גרינגן שניי
פון אים,
דו הערסט דען ניט
זײַן שטילע טפילע?
דו הערסט דען ניט,
ווי די נעשאָמע ווײנט אין אים?..

ג. מעכילע בעט איך בא דעם דעמב

דער דעמב איז אלט —
שוין הונדערט פופציק יאָר!
האָט מען ארומגעצוימט אים
מיט שטאכעטן.
עס פאלט א שניי
אף שניי פון מײַנע האָר.
כ׳פארנייג דעם קאָפּ
און וויל מעכילע בעטן
באם דעמב,
וואָס האָט אין הימל זיך ארײַנגעשניטן
און האלט אים אף דער קרוין,
אין סאמע מיטן.

מעכילע בעטן פאר דער צווײַג,
וואָס איז פארדארט,
ווײַל מ׳האָט א יונג אף איר געהאנגען,
מעכילע בעטן פאר דער שלאכט,
וואָס לעבן אים איז דאָ געגאנגען.
און פאר דער גרוב
באם סאמע שטאם,
ווו ס׳איז מײַן לייעלע פארשאָטן.
פאר אלץ, פאר אלץ,
וואָס איז פארגאן
און גייט מיר נאָך,
פונקט ווי א שאָטן.

ד. נעם זיך ניט איבער

וועלדער זײַנען קלוג,
אוןביימער זײַנען קלוג,
אפילע קליינע קוסטעלעך שוין ווייסן
א שאָטן ווארפן
אין א טאָג א הייסן,
פאר דיר,
פאר מיר,
פאר אלעמען זאָל זײַן גענוג.

וועלדער זײַנען מעכטיק,
און מעכטיק איז דער בוים,
זיי זײַנען אף דער ערד, ווי מילדע געטער,
זיי פוצן אויס זיך צו דער צײַט מיט בלעטער,
און צו דער צײַט זיי טוען אָן א קלייד
פון ווײַסן שוים.
זיי בעטן בא די הימלען ניט קיין גנאָד —
ס׳איז יעדער בוים
פאר דיר,
פאר מיר
א גאָט.

וועלדער זײַנען גוט,
און ביימער זײַנען גוט.

דער זאפט פון בוים, וואָס ריזלט אין
די רינגען,
אין אלע אָדערן
ער הערט ניט אוף צו קלינגען —
אין מײַנע הענט און פיס,
אין רויטקײַט פונעם בלוט.

און דו, מײַן ברודער,
נעם זיך נאָר ניט איבער,
וואָס מיט דײַן האק דו ווארפסט
דעם בוים אנידער,
דו הערסט, ווי ס׳הילכט דער וואלד,
דאָס זינגט ער טרויער־לידער,
ווען דו פארמעסט זיך אף א בוים א גיבער.
א פאָנעם האָט אזא געפעכט פון שפּאָט —
דו בלײַבסט א האָלצהעקער,
דער וואלד — א גאָט.

ה. דאָס כופּע־קלייד

ס'האָט אויסגעהעפּט
א כופּע־קלייד
דער פראָסט
פון קאלטן טוי,
און די בערעזע
איז שוין גרייט,
ווי צו דעם טאנץ
א פרוי.

איר פוס דעם דינעם
שטרעקט זי אויס
אין שיכעלע
דעם שווארצס.
אָט וועט זי באלד
אין קרײַז ארויס —
עס פלאטערט אזש
איר הארץ.

פארוואָס זשע
שטייט דער דעמב אליין
און רעדט צו איר
קיין וואָרט?
פון גליק איז ער
געבליבן שטיין
פארגליווערט
אפן אָרט.

* * *

כ׳וועל עפּשער גאָר קיין שפּור ניט לאָזן,
ווי ס׳לאָזט אין יאַם קיין שפּור די שיף,
צי ווי דאָס וואָלקנדל דאָס ראָזע
אין הימל־טיף.

נאָר אויב ס׳וועט עמעץ פאַרגעדענקען
א ליד מײַנע צי בלויז א גראַם,
וועט ער די אייביקייט מיר שענקען
און ניט פאַרשטיין עס מינאַסטאַם.

אינהאלט

גענאַרטע געסט

א 5
ב 6
ג 8

א. זאנגען אף א שטיין

דער רוסישער ווינטער 11
„דער היימישער ווארעמער אָטעם..." 13
אזוינס פארגיט מען ניט 14
אויב זײַן א שטיין 15
דאָס בילד פון מײַן כאווער 16
„קוק ארײַן מיר טיפער אין די אויגן..." 17
איין שטראלעכל 18
דער כויוו 19
„אָט דער, וואָס געגאַן איז דורך פײַער און בלײַ..." . . . 20
מאטראָסאָוו איז געקומען מיר צו כאָלעם 21
ווען ס'וויינט א מאמע 22
„דעם טאָג פון ווײ..." 23
ווען וויוגעס הוליען 25
א טויעלע סאם 26
מײַן ווילן 27
קאווקאז 28
עס שרײַען די וואָראָנעס 30
כ'האָב אליין געזען 32
אויב מעקאנע זײַן 33
פון אָסיען דער רייעך 35
איך וויים דאָס בעסער 37

באנאכט 38
קיין אפריקע 39
ס'איז ניט דערפאר 41
טײַנעס צו די שטעגן 43
דאָס גאָלדענע פּישל 45
אָן סאקאָנעס 47
די אומבאגרײַפלעכע נעשאָמע 48
„דער שלענגלדיקער שטעג איז קלוג..." 50
געמיט 52
די קינדער פאָרן קיין סיביר 55

ב. זון־שפּליטערס

דער הימל זאָל ניט פאלן צו דער ערד 59
פּרעסקעס 60
די אויגן פון דער נאכט 62
„כ'וועל אופשטיין פארטאָג..." 63
„א קאָל איז דערגאנגען פון טיף..." 64
„אָט נאָך איין קאפּעלע..." 65
„עס יוירט דער זאפט אין מײַנע גלידער..." 66
„ווען אף מײַן טראָט וואָלט קיינער ניט געוואַרט..." . . . 67
אזוי האָט דערציילט מיר דײַן בילד 68
„ווו קומט אהין דער אָסיען..." 69
„כאלוימעס, כאלוימעס, כאלוימעס..." 70
„דער לעצטער בליק מײַנער זאָל פאלן..." 71
„כ'זאָל מאכן כאָטשבי נאָך איין שפּאַן..." 72
איך מישפּעט ניט 73
דער פאָדעם 75
„מיט אלע קנייטשעלעך ארום די ליפּן..." 76
„גענוג וואָלט זײַן פאר מיר דײַן שמייכל..." 77
„געקומען ביסטו אומדערוואַרט..." 78
„געוויס וועל איך צוריק זיך קערן..." 79
„די אויגן דארפסטו ניט באהאלטן..." 81
א פולע מאָס 82
צוויי בערעזעס 83
דער טויער פון יונגקײַט 85

וואַרט צו אַ קאַפּעלע 87
אייביק 88
„עפּשער גאָר מעקאַנע זײַן דעם בוים..." 89
„ס'איז יאָמטעוודיק מײַן אינדערוואַכן..." 90
„אין יובלדיקן אומרו פֿונעם האַרבסט..." 91
דרײַ טראָפּנס 92

שטילקײַט

א 93
ב 94
ג 95
שלאָפלאָזיקײַט 96
איין געמיש פֿון פֿאַרב און קלאַנג 97
„עס שלאָפט דער וואַלד..." 98
„פּאַרוואָס זשע קומט דער פֿרילינג אָף צוריק..." 99
„דאָס סטעזשקעלע האָט קײנער ניט באַטראָטן..." 100
„איך זשמורע צו דאָס אויג..." 101
„ס'האָבן אָפּגעהוליעט שוין די ווינטן..." 102
„אַ שאָרך, אַ זיפֿץ — און ווידער שטיל..." 103
„דאָס פֿלאַטערל איז גרינג אַזוי און שײן..." 104
„דער פּיקהאָלץ נעמט פּיקן די קאָרע..." 105
ווינטער 106
באַגעגעניש 107
אַ דאַנק דער קוקאַווע 108

ג. אַ שטערן אין יאַם

„אַ גאַנצע וועלט אין זיך איך טראָג..." 111
„די זון־רוויזן אין געלע קאַפּערלעך..." 112
אויף מיך ניט פֿאַרגעסן 113
אַ שטערן אין יאַם 114
„שווימט דער מוילעד אַ צעגליטער..." 117
„מיר ווערן עלטער איצט מיט יעדער שאָ..." 119
„דאָס מאַזל שפּילט מיר פּונקט אַזוי ווי אַלעמען..." . . . 120
דער קרײַז פֿון געוויסן 122
בערענדיי 124

פון כאָלעם און וואָר דער געפּלעכט 126
א פּוסטער טאָג 128
„דאָס גראָז וואָלט ניט ווייך זײַן...“ 129
א שטראַל פון שקיעה 130
קאָן זײַן 131
מיט א באזונדער זכיה 132
די שפּראַך פון דער וועלט 133
אן אומפאַרשטענדלעך לאָשן 134
„דו זעסט...“ 135
„ניט אלץ איז שוין באוווּסט...“ 136
לעצטע קוויטן 137
א שווערע שטימונג 138
היט זיך פאר צוגן 139
א שניי איז געגאַנגען 140

ד. איך לויף צום האָריזאָנט

„איך דאַרף נאָך אָנשרײַבן די ליד...“ 143
„קיין פליגל האָב איך ניט...“ 144
איך לויף צום האָריזאָנט 146
די מאַמע וואַשט גרעט 148
„אָט דאָ האָב איך מײַן ערשטן טראָט געשטעלט...“ 150
„פאַמעלעכן גיי איך...“ 151
„ווען ס'שטייט באַם שוועל פון אָנווער די געפאַר...“ 153
מוט 154
באַם קראַנקן־בעט 155
„דער שטורעם איז געקומען אומגעריכט...“ 156
„ווען ס'פאַלן די קאַשטאַנעס פון דיביימער...“ 157
„פאַר מיר האָט עס געהייסן א גאַניידן...“ 158
די ווײַסע קאַלע 160
אומעטום 162
דײַן געלעכטער 164
ליבער מענטש 165
צוגאַסט 167
שווארצע אויגן 169

באם יאם 171

ה. זילבערנע פעדעם

„עפשער הײַנט װעט זי קומען, די ליד די געגארטע...״ . . 175

דאָס שװערע קלומעקל

א 176
ב 177
אונטער דײַן פאָן פון פרידן 178
א בריװ צו מײַנע פרײַנט אין ביראָבידזשאן 180
פרײַטיק אפדערנאכט 184
„װי דו שטײסט און דו גײסט...״ 186
די קאטאָרזשאנקע 187
דער שידעך 189
די אלמאָנע גיטל 192
באם פלויט 194
הירשל דער צירולניק און די װאזאָנעס 196
דער פידלער אין די װאָלקנס 198
פונװאנען זאָל עס די לעװאָנע װיסן 200
קינדער דארפן רויִק שלאָפן 202
אָן מאטאָנעס 204
דער שמיד 206
א לידעלע 208

ו. מײַן אלטער זיקאָרן, מײַן גוטער זיקאָרן

לירישע פאָעמעס

מײַן אלטער זיקאָרן 211
מײַן טפילע 223
קלוג איז דער בוים
א. מע דארף דעם בוים ניט טשעפּען 226
ב. יאָרצײַט 228
ג. מעכילע בעט איך בא דעם דעמב 230
ד. נעם זיך ניט איבער 231
ה. דאָס כופּע־קלײד 233
„כ׳װעל עפשער גאָר קײן שפּור ניט לאָזן...״ 234

Аврам Юткович Гонтарь

НАПЕВ

(на еврейском языке)

М., «Советский писатель», 1977, 240 стр.
План выпуска 1977 г. № 307

Художник *Е. И. Коган*

Редактор *М. Я. Шульман*
Худож. редактор *Е. Ф. Капустин*
Техн. редактор *Т. С. Казовская*
Корректор *А. Б. Стрельник*

ИБ № 472

Сдано в набор 28/IX 1976 г. Подписано к печати 24/I 1977 г. Формат 70×108$^{1}/_{32}$. Бумага тип. № 1. Печ. л. 7,5. Усл. печ. л. 10,5. Уч.-изд. л. 5,75. Тираж 1500 экз. Заказ № 782. Цена 86 коп. Издательство «Советский писатель», Москва Г-69, ул. Воровского, 11. Ордена Трудового Красного Знамени Московская типография № 7 «Искра революции» «Союзполиграфпрома» при Государственном комитете Совета Министров СССР по делам издательств, полиграфии и книжной торговли. Москва Г-19, пер. Аксакова, 13